STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02836

DER HIEV FUN AVEYLES

Jacob Samuel Taubes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב שמואל טויבש

דער חיוב פון אבילות

עסיי

לאנדאן, 1944

תש"ד

דרוק און פארלאג: „סופעריאר פרינטערס, לטד", 13, ניו ראוד, א.1.

Copyright by Jacob Samuel Taubes, London.

Printed in Great Britain.

THE DUTY OF MOURNING

Essay

by

Jacob Samuel Taubes

Printed and published by Superior Printers, Ltd., 13, New Road, E.1.

אַ רוף

צו מיינע יידישע ברידער און שוועסטער
אין די פרייע מדינות.

דעם קינסטלער און קריטיקער
שלמה בראָון –
מיט האַרציקן גרוס
[illegible]
ניסן, וואַלד

1

די אומבאגרייפלעכע שתיקה

ווי אזוי איז געווען מעגלעך, אז מיר יידן, מחוץ פון יענער פארשאלטענער מדינה, וואו די גזירה איז אנגעפאלן אויף אונזער אומגליקלעך פאלק, אז מיר יידן, לעת עתה נאך פריי און לעבעדיק אין פרייע לענדער, זענען גע־בליבן שטום און האבן זיך ניט אנגערופן, בשעת מען האט אויסגע׳הרג׳עט אונזערע ברידער און שוועסטער, אויסגעקוילעט אונזערע אומשולדיקע יידישע קינדער?

ווי אזוי איז געווען מעגלעך, אז מיר האבן געשוויגן, בשעת דער מיתה פון אונזער אומה, בשעת דעם יציאת־הנפש פון אונזערע געמאטערטע קדושים?

ווי אזוי איז געווען מעגלעך, אז מיר האבן זיך ניט אפגערופן תיכף ומיד, בעת דער רוצח האט נאך וואס אנגעהויבן מיט זיינע בלוטיקע מעשים; אז מיר זענען געבליבן שטום, בעת דער שטראם פון בלוט איז געשטיגן; שטום, בעת פון דעם שטראם איז געווארן איין גרויסער, פלייצנדיקער ים; שטום עד היום, בעת דער לעצטער, ארעמער רעשט פון די אומגליקלעכע, בעת דער שארית הפליטה פון אונזערע ברידער און שוועסטער גרייט זיך מסתמא שוין צו צו זיין ביטערן סוף, צו אן אכזריות׳דיקן טויט, נאך א גיהנם פון ניט דער־הערטע צרות, אונטער מאטערנישן און יסורים פון דעם אונטערשטן שטאפל פון דער שאול תחתיה?...

ווי אזוי האבן מיר פארמאגט זיך צוצוהערן צו די פרטים פון דעם אכזריות, מיט וועלכן די קרבנות זענען געווארן אומגעבראכט און אונזערע נשמות זאלן ניט אויסגיין ביי די שמועות, ביי די שילדערונגען פון די מיתות משונות, וואס זיי האבן נעבעך איינגענומען?

ווי אזוי האבן מיר פארמאגט זיך צו טרייסטן איבער דעם גורל פון אונ־זערע קינדער, וואס מוזן איצט אפקומען פרעמדע זינד, אונזערע זינד, די זינד פון אונז גרויסע, וואס האבן דאס אחריות פאר דער הנהגה פון אט דער וואונ־דערלעכער וועלט?...

ווי ארוב קען מען פארשטיין אט דעם אומפארשטענדלעכן שוויגן, אויפקלערן דאס רעטעניש פון אונזער טיפער, אומבאגרייפלעכער, מבוזה׳־דיקער, אייזערנער שתיקה?...

2

אויסגעווארצלטע נשמות

אויב ס׳זענען אָבער אַלץ נאָך פֿאַראַן מענטשן, וואָס מיינען, אַז מיר זענען ניט געווען שטום, אַז מען האָט זיך דווקא יאָ אָנגערופֿן, אַז ס׳איז „פֿאָרט געשעען״, האָבן זיי אַ טעות אינעם עיקר...

ווייל די אסיפות און פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונגען און מיטינגס און רעזאָ־לוציעס, סיי דאָ, אין ענגלאַנד, סיי אין אַמעריקע, ווייל דער גאַנצער מאָדער־נער אַפּאַראַט פֿון אַזוי אָנגערופֿענעם „עפֿנטלעכן לעבן״, האָט לחלוטין ניט צעבראָכן יענע שתיקה, לכל הפּחות ניט צעבראָכן די שתיקה פֿונעם יידישן הארץ, וואָס איז פֿאַרבליבן ווייטער שטום...

פֿאַרקערט. ווער ס׳האָט נאָר אַ רעכטן חוש פֿאַר יענעם סאָרט לעבן און האָט זיך אַריינגעהערט אין די הויכע קולות אפילו פֿון די בעסטע פֿון אונ־זערע בעל־דרש׳ערס, האָט דאָרט באַלד געקאָנט דערפֿילן דעם פֿאַלשן טראָפּ, די פּוסטקייט און ליידיגקייט פֿון זייערע דבורים, די אומזיכערקייט פֿון אַ גע־שטערטער הרגשה, דאָס זיך־ראַנגלען פֿון האַלב אויסגעבאַקענע געפֿילן...

מ׳האָט ממש געקענט זען, ווי די געפֿילן מיען זיך, צאַפּלען און וואַרפֿן זיך, אַרויסצוקומען אויפֿן אויבערפֿלאַך, אָבער ווי זיי זענען צו שוואַך, צו פֿאַרדרייט פֿון פֿרעמדע און ניט אינגאַנצן פֿאַרדייטע פּאָליטישע פּראָגראַמעס, צו אַ סך אויסגעמישט מיט אוטאָפּיסטישע אידייען, צו פֿאַרדאָרבן פֿון אַ ביליקן, עם־האַרצישן אַפּיקורסות...

דערפֿאַר האָבן יענע קולות ניט געהאַט קיין קיום; דערפֿאַר איז פֿון דעם השתּדלות זייערן גאָר ניט אַרויסגעקומען, חוץ עפּעס אַ מין שוואַכלעך באַ־שעפֿעניש, אַ בלייכע, בלוט־אָרעמע, טרוקענע רעזאָלוציע, מיט מער אָדער ווייניקער גוט געשטעלטע פֿראַזעס, דיפּלאָמאַטישע פֿיינקייטן אומשטיינס געזאָגט, פֿון עפּעס אַ הילצערנער ווערדע...

פֿון „אונזער טרויער״, וואָס איז דאָרט דערמאָנט געוואָרן, האָט זיך כמעט גאָר ניט אַרויסגעפֿילט און דאָס, וואָס די „אונטערגע׳חתמ׳עטע״ האָבן מכלומר׳שט „געפֿאָדערט״ האָט זיך פֿאַרשטאַנען, שוין בשעת׳ן לייענען, אַז דאָס איז נאָר אַזוי גערעדט געוואָרן, פֿון מליצה וועגן...

אָט די אסיפה׳לעך און דרשות און רעזאָלוציעס, וואָס האַלטן זיך אין איין קעלבן ביזן היינטיקן טאָג, זיי באַווייזן באַריידעוודיק און כמעט מער נאָך ווי אונזער שענדליכע שתיקה, די חולשה און אימפּאָטענץ פֿון אונזערע געפֿילן, די אָנמאַכט און אומבאַהאָלפֿנקייט פֿון אונזער מאָדערנעם נפש לגבי דעם גרעסטן אָנשיקעניש אין דער געשיכטע פֿון אונזער אומה, זיי אַנטפּלעקן אומ׳ברחמנות׳דיק דאָס גאַנצע טרויעריקע פֿאַרבלאָנדזשעניש פֿון אונזערע אויס־געוואָרצלטע נשמות...

3

די קליפּה ארום דעם הארצן

ניין, יענער קונציקער בנין, יענער אָרגאַניזאַציע־אַפּאַראַט, וואָס רופֿט זיך „עפֿנטלעך לעבן”, האָט ניט געטראָפֿן צו דעם האַרץ פֿון אונזער פֿאָלק.

ער איז, ווייזט אויס, גאָר ניט געווען ביכולת אים צו טרעפֿן און דווקא דערפֿאַר, ווייל ער איז טאַקע ניט מער ווי אַן אַפּאַראַט, אַ טויטער מעכאַניזם, וואָס זיין שורש איז לחלוטין ניט דאָס מענטש־לעכע האַרץ און ניט ער שטרעבט צו דעם מענטשלעכן האַרץ פֿאַר אַ תּכלית...

דאָס אַזוי אָנגערופֿענע „עפֿנטלעכע לעבן” באַקומט זיין אָנטריב פֿון גאָר אַן אַנדערן מקור. עס ווערט געטריבן פֿון פּאַרטייען, פֿון פּאָליטישע פּראָגראַמען. ס׳שטרעבט צו רעאַליזירן אידייען, צו דערגרייכן אידעאַלן וכדומה אַזעלכע, מער אָדער ווייניקער העכערע צילן...

אָבער אַלץ דאָס — שוין דאָס לשון „אידעאַל” און „ציל” איז אויף דעם מרמז — אַלץ דאָס ליגט ערגעץ אין דער ווייטן און ניט דאָ, פֿאַר דעם קבר פֿון אונזער פֿאָלק, אַלץ דאָס איז ערגעץ שפּעטער אַמאָל און ניט איצט, בשעת דער גסיסה פֿון אונזער אומה... און אויב אפֿילו נאָר אַ ברעקעלע ווייטער, און אויב אפֿילו נאָר אַ רגע׳לע שפּעטער — מיט דעם חילוק זענען זיי אָפּגעטיילט, ווי מיט אַן אייזערנער וואַנט, פֿון דעם אַקטועלן געשעעניש, פֿון דעם ממשות פֿון דער מינוט, פֿון דעם חיוב פֿונעם אויגנבליק, דעם שרעקלעכסטן אויגנבליק אין אונזער געשיכטע.

אמת, דער חיוב איז געווען אַ שווערער; אפשר דער שווערסטער וואָס קען בכלל ווערן געפֿאָדערט. דער חיוב איז געווען און איז, צו פֿאַר־געסן אָן זיך אַליין. דער חיוב איז, צוריקצושטעלן לעת־עתה אַלע פּראָגראַמען, אויפֿצוגעבן אויף אַ ווייל אַלע פּאַרטיי־אידעאַלן, צו פֿאַרגעסן אָן אַלעמען, וואָס באַטרעפֿט אונז. דער חיוב איז, צו פֿאַרגעסן אונזער פּערזענלעכן וואוילטיק, צו פֿאַרגעסן דעם וואוילטיק פֿון אונזערע קינדער, צו פֿאַרגעסן די צוקונפֿט פֿון אונזער לאַנד, צו פֿאַרגעסן דעם סאָציאַלן מצב פֿון דער וועלט און — צו זיין איבערגעגעבן מיטן גאַנצן חיות נאָר צו איין איינ־ציקער זאַך: צו דערגרונטעווען, צו דערגיין און באמת צו פֿאַרשטיין דעם גורל פֿון אונזערע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער, מיטפֿילן מיט די גע־מאַטערטע, מיטליידן מיט זייער אומענדלעכן לייד, מיטציטערן מיט דעם פֿלאַטערדיקן פּחד פֿון זייערע פֿאַכנדיקע נשמות און ניט צו רוען ביי זייער פֿאַרצווייפֿלטן רוף נאָך הילף צו אונז, וואָס זיצן אַדאָ און פּאַשען זיך אין זיכערקייט...

דאַן ערשט וואָלטן מיר זיך געוויזן ווירדיק צו דעם מצב, צו וועלכן די געשיכטע האָט אונז צוגעפֿירט...

אויף דעם חיוב האָט זיך דאָס „עפּנטלעכע לעבן" אָבער ניט אָפּגערופֿן; צו דעם חיוב האָט עס, דאָס פֿאָלק ניט אויפֿגערופֿן...

און אויב מען האָט אפילו אָנגעמאַכט אַ ליאַרעם, אַ ביסל רעש אויף דער גאַס, איז דאָך ניט געלונגען, אויפֿצורייסן די וואַנט, אויפֿצוברעכן די מויער אַרום דעם האַרץ פֿונעם יידישן פֿאָלק, אַז זיינע געפֿילן זאָלן ווערן אויסגעלייזט, אַז דער שטראָם פֿון זיין הרגשה זאָל קענען אַרויסטרעטן און זיך צעגיסן מיט זיינע פֿאַליעס איבער אַלע געמאַרקן פֿון אונזער אומה און אַרומנעמען און צופֿירן די יידישע פֿאָלקס־נשמה, מיט אַ געוואַלדיקן אימפּעט, צו דער טיפֿקייט פֿון איר אומגליק, פֿון איר ניט דערהערטער טראַגעדיע...

4

ראשון — ראשון...

עס איז פֿאַראַן אַ סאָרט מענטשן, אַזוי אָנגערופֿענע רעאַל־פּאָליטיקער, וואָס האַלטן מכלומרשט אויך פֿון ממשות און וואָס האָבן געשטעלט זייערע, אַ „רעאַל־פּאָליטישע" פֿראַגע...

צוגעבנדיק, אַז דער ווידערקול פֿון אונזער חורבן, פֿון דעם גרעסטן חורבן אין דער יידישער געשיכטע, איז געווען גאָר אַ שוואַכער, חקר'ענען זיי זיך אָבער אין דעם, וואָס וואָלט געווען דער נוצן פֿון אַזאַ ווידערקול.

וואָס וואָלט עס שוין געווען גענוצט, פֿרעגן זיי, אויב ס'וואָלט אפילו געלונגען, אויפֿצוּוועקן די ליידנשאַפֿט פֿונעם פֿאָלק? אָדער — אויף פּראָסט יידיש — וואָס וואָלט שוין געווען געהאָלפֿן אונזער קרעכצן, אויב מיר זענען ניט ביכולת צו העלפֿן, דאָס מיינט, באמת צו העלפֿן, רעאַל און ממשות'דיק? זיי האַלטן ניט, טענה'ן זיי, פֿון „דעמאָנסטראַציעס", זיי פֿאַרלאַנגען תכלית...

ס'איז אפשר גאָר ניט נויטיק אָנצווייזן אויף דער נידעריגקייט פֿון אַזאַ השגה, אויף דער נידעריגקייט פֿון דער פֿראַגע אויף דעם „נוצן" פֿון טרויער און וואָס וואָלט אַרויסגעקומען פֿון דעם עגמת־נפֿש איבער אונזערע געשטאָרבענע און נאָך פֿאַר'משפּט'ע צו שטאַרבן... ווייל, ריין מענטשלעך און פֿון זיך אַליין, וואָלטן מענטשן באַדאַרפֿט צו פֿילן, באַדאַרפֿט צו וויסן מיט אַ זיכערן אינסטינקט, אַז דער ערשטער שטאַפּל נאָך אַן אומגליק, און בפֿרט אַזאַ אומגליק, איז ליידנשאַפֿטלעכע טרויער, איז אבילות, אָן אַ שום קלער, וואָס דערפֿון קען און וועט אַרויסקומען... אין דער השגה באַווייזט זיך אָבער נאָך עפּעס, וואָס איז אפילו זער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אונזער דור און איז, אין איין צייט, איינע פֿון די סבות פֿון זיין ירידה. אין דעם באַווייזט זיך די פֿאַלשע אידייע זייערע פֿון ממשות. ווייל די אויפֿפֿאַסונג, אַז ממשות, אַז תכלית, אַז רעאַליזם מיינט נאָר גשמיות, איז — מכלומרשט — נאָר דאָס, וואָס מ'קען אָנטאַפּן מיט די הענט, אָט די אויפֿפֿאַסונג האָט געפֿירט דערצו, אַז די ווערטן פֿון ריינעם גייסט, פֿון געפֿיל און נשמה, זענען שטאַרק מבוזה

געוואָרן און האָבן אָנגעוואוירן זייער כוח, משפּיע צו זיין אויף דעם לעבן פון אונזער דור...

אָבער דער הויפּט־באַטייט פון ממשות, פון זיין רעאַל, ליגט ניט אין דעם, אין וואָסער מאַטעריאַל מ'איז עוסק, צי אין גשמיות, צי אין רוחניות. דער הויפּט־באַטייט ליגט אין דעם, וועלכעס פון זיי דאַרף זיין קודם, וואָס קומט פריער, וואָס איז נענטער, אינעם זין פון דעם ענגלישן "first—first", צי פון אונזער אייגענעם אַלטן „ראשון — ראשון"...

5

דער ערשטער תנאי

דערפאַר טאַקע און דוקא מישום תכלית, דוקא וועגן רעאַליזם, דוקא צוליב ממשות איז דאָ ביז אַהער נאָך ניט גערעדט געוואָרן פון קיין „רעאַלע צילן", פון דעם וואָס קען און וועט אַרויסקומען פון אַן אַלגעמיינעם, נאַציאָנאַלן אבילות, וואָס צו באַווייזן זיין נייטיגקייט איז דער הויפּטצוועק פון דער דאָזיקער שריפט. ווייל דאָס איז ניט דאָס נענטערע, ניט דער ראשון, ווייל דאָס נענטערע, ווייל אונזער ערשטער חיוב איז טאַקע קודם דאָס אבילות אַליין...

פונדעסטוועגן און כדי צו באַרויקן אונזערע אומגעדולדיקע „רעאַליסטן", אונזערע כלל־טוער, וואָס אויב זיי רייבן זיך ניט די אַרבל אויף אַן עפנטלעכער אסיפה, הייסט דאָס גאָר ניט געלעבט, קען מען זיך אָפּשטעלן אויף אַ רגע ביי זייער טענה און זיי אָפּענטפערן, אַז אפילו פון זייער שטאַנדפּונקט, אַז אפילו צוליב מעשים און צוליב זאַפּאַרטיקער הילף בלייבט דער ערשטער תנאי, אַז דאָס האַרץ פונעם פאָלק זאָל זיך אָנרופן...

ווייל אַ פאָלק, די מאַסע פון אַ פאָלק, וועט זיך אַזוי לאַנג ניט רירן, זיך ניט אויפכאַפּן צו גרויסע מעשים, ווי לאַנג זיינע געפילן שווייגן. פון דעם אָבער — און פון דעם אַליין — איז אָפּהענגיק אַן אמת'ער, היסטאָרישער אויפטו און ניט פון די רעזאָלוציעס פון זיינע תשעה־נייניציק מנהיגים...

דאָס פאָלק אָבער וועט בלייבן רויק אַזוי לאַנג, ווי לאַנג עס וועט ניט ווערן אויפגעטרייסלט פון אַ גרויסער ליידנשאַפט, פון אַ גרויסער איציקער ליידנשאַפט און ניט פון אַ פּראָגראַמע פאַר שפּעטער... צוליב פּראָגראַמעס גייט מען זיך פאַמעלעך צו אַ מיטינג, אָבער מען איז ניט מטריח זיין האַרץ...

ס'מוז דערוועקט ווערן אַ ליידנשאַפט, וואָס זאָל אויפרירן דאָס בלוט פונעם פאָלק און צעהיצן זיין מוח, אַ ליידנשאַפט, וואָס ציט איר יניקה פון אַ גרויסן רויש, פון אַ גרויסער שמחה צי — — פון אַ גרויסער טראַגעדיע...

ווי לאַנג אַט דאָס איז ניט געשען, ווי לאַנג דאָס פֿאָלק איז ניט דורכגע־גאַנגען דורך דעם טאָל פֿון טרערן, דורך די פֿייערן פֿון צער און די וואַסערן פֿון רחמים, קענען מיר גאָר ניט וויסן, צי הילף איז בכלל מעגלעך, צי ניין, און אויב יאָ, אויף ווי ווייט מיר זענען ביכולת צו העלפֿן... ווייל מיר קענען גאָר ניט אָפּשאַצן צו וועלכן כוח און צו וואָס פֿאַרא הויך דאָס פֿאָלק וואָלט זיך דערהויבן, מיט דעם אימפּעט פֿון זיין ליידנשאַפֿט...

דערפֿאַר בלייבט זיכער, אַז דאָס אויסרופֿן פֿון אַן אַלגעמיינעם, נאַציאָ־נאַלן אבילות, וואָס זאָל גורם זיין אמת'ן ליידנשאַפֿטלעכן עגמת נפש און וואָס זאָל באַשטימען דעם דרך אינעם טעגלעכן לעבן פֿון אונזער פֿאָלק בשעת דער צייט פֿון אונזער שווערן נסיון, איז אפילו פֿאַר די „רעאַל־פּאָליטישע מענטשן" (פֿון די פּראָסטע, די מענטשלעכע מענטשן ניט צו שמו־עסן), דער אומבאַדינגטער, ערשטער תנאי, דער „ראשון־ראשון", אויב שוין ניט, כדי צו פֿאַרענטפֿערן דערמיט די אינסטינקטיווע באַדערפֿענישן פֿון דער יידישער נשמה, על כל פנים צוליב אַ שפּעטערדיקן אויפֿטו, צוליב צוקונפֿטיקע „רעאַלע מעשים"...

6

דער סבה'ס סבה

וואָס איז אָבער פֿאָרט, מעשים צי ניט מעשים, די סבה פֿון אונזער פֿאַר־גליווערטקייט? ווי קאָן איבערהויפּט זיין געמאָלט, אַז יידן זאָלן פּשוט שווייגן און זיך צוזען, כמעט ווי היפּנאָטיזירטע, בעת מ'פֿירט מיליאָנען יידישע מענטשן צו דער שחיטה־באַנק? און ניט אפשר פֿרעמדע יידן, אויב אַזאַ באַגריף זאָל בכלל זיין מעגלעך ביי אונז, ניט אפשר יידישע שבטים פֿון ערגעץ ווייטע מדינות, נאָר טאַקע אונזערע אייגענע, אונזערע נאָענטסטע, אונזער אייגן פֿלייש און בלוט, במלוא מובן המלה...

ס'איז דאָך ניט פֿאַראַן קיין איינציקער ייד, ניט דאָ, ניט אין אַמעריקע, ניט אויף דער גאַנצער ווייטער וועלט, ער זאָל ניט האָבן כאָטש אַ קרוב אין יענע מקומות...!

ווי קען אַזעלכעס זיין געמאָלט ביי יידן, ביי „אחינו בני ישראל", ביי „כל ישראל חברים", ביי יידן „רחמנים בני רחמנים"...?

אויב מ'וויל זיך ניט משער זיין, אַז דאָס יידישע פֿאָלק האָט שוין פֿאַר־לוירן אינגאַנצן זיין נאַציאָנאַלן באַשטאַנד, זיין קיום אַלס נאַציאָנאַלע איינהייט, צי אפשר, אַז ס'האָט, חלילה, גאָר אָנגעוואוירן זיין יידישע נשמה, צי אפילו נאָר זיין פּראָסטן, אַנימאַלישן נפש, בלייבט נאָר איין פּירוש:— אונזער לייד האָט אונז פּשוט ניט דערגרייכט!

מיר האָבן געהערט דעם קלאַנג, פֿאַרנומען די שמועות, זיי זענען אריינ־

געדרונגען אין אונזערע אויערן און אפשר אין אונזערע געהירן אריין; אפשר זענען זיי אפילו צוגעטרעטן גאנץ נאנט, גאנץ קנאפ ביז צו די גרענעצן פונעם הארץ, אבער זיי האבן ניט דערגרייכט דאס הארץ ממש, ניט אנגעכאפט דאס גאנצע הארץ...

וואס אבער, מוזן מיר פרעגן ווייטער, איז די סבה דערפון, וואס אונזער הארץ איז געבליבן פארמאכט און האט זיך ניט אויפגעעפנט פאר די כוואליעס פון צער, וואס האבן געשטורעמט פאר זיינע פארשלאסענע טויערן? וואס איז די סבה דערפון, אז אונזער ווייטיק זאל ניט האבן דערגרייכט אונזער הארץ אינגאנצן?...

ס'איז געוויס ניט לייכט, ארויסצוגעפינען און אויפצודעקן אלע די קאמפאנענטן, וואס האבן געפירט צו דעם מבוזה'דיקן מצב. איינע פון זיי איז אבער זיכער, וואס שוין א היבש ביסל יארן, לעבן מיר ניט אין דער וועלט פון ממשות, זענען מיר ניט איינגעווארצלט, מיט אלע אונזערע ווארצלען, מיט אלע אונזערע זאפטן און כוחות אין דער אמת'ער, רעאלער וועלט, אין דער מיאוס'ער, בייזער, גזלנ'ישער, מערדערישער, ממשות'דיקער וועלט...!

7

צוקונפטס־מענטשן...

במשך פון די לעצטע יארהונדערטער האט זיך אויסגעארבעט א נייע פארמע פון לעבן, דאס לעבן אינעם ראם פון פאליטישע פארטייען. שיטות און פארטייען האבן שטענדיק עקזיסטירט, אבער זיי האבן ניט משפיע געווען אויף דעם לעבן פון דער מאסע און פון דעם איינצלנעם יחיד אויף אזוי ווייט און אזוי שטארק, ווי היינט. אין דעם ראם פון א פארטיי אבער לעבט מען און וועבט מען אין וויזיעס פון צוקונפט...

ס'וועלט זיך דא בשום אופן ניט מפלפל זיין אין די פארשידענע שיטות און טענדענצן, דא ווערן ניט קריטיקירט די פארשידענע פארטייען, דורך וועלכע אט יענע טענדענצן ווערן רעפרעזענטירט.

דא ווערט נאר פשוט פעסטגעשטעלט, אז די דאזיקע אינסטיטוציע האט — שיין צוליב איר באשאפונג — א שטארקן שייכות מיט צוקונפט, ווייל זי באשטייט דאך אין דעם, וואס זי איז ניט צופרידן מיט א געגעבענעם, איצטיקן מצב, און וואס זי שטרעבט אים צו פארענדערן און צו פארבעסערן.

ווייענדיק, למשל, יידישע נאציאנאליסטן, לעבן מיר מיט דער וויזיע פון א בעסערער צוקונפט פאר אונזער פאלק אין אונזער אייגענעם לאנד.

ווייענדיק סאציאליסטן, לעבן מיר מיט דער וויזיע פון דער צוקינפטיקער, עקאנאמישער גערעכטער פארטיילונג פון דעם גוטס און פון די גיטער פון דער וועלט.

זייענדיק פאַציפֿיסטן, וויגן מיר זיך אין דער רעגנבויגן־פֿאַרביקער וויזיע פֿון דעם צוקינפֿטיקן, אייביקן שלום...

און זייענדיק, לאָמיר זאָגן, עספּעראַנטיסטן, באַגייסטערן מיר זיך פֿאַר דער צוקינפֿטיקער, אוניווערזאַלער שפּראַך פֿון דער גאַנצער מענטשהייט וכדומה וכדומה...

צוקונפֿט, צוקונפֿט, צוקונפֿט!...

אידעאַליסטן, מאַטעריאַליסטן, פּאַציפֿיסטן, עספּעראַנטיסטן — מיר האָבן אַלץ נור געשטרעבט נאָך צוקונפֿט, מיר „איסטן" האָבן אַלץ נור געשוועבט אין אַן „איזם" פֿון צוקונפֿט און האָבן וואָס אַמאָל מער אַנגעוואוירן, וואָס אַמאָל מער פֿאַרשטומפּיקט אונזערן חוש פֿאַר ממשות.

און אויב ס'זעט אפילו אויס, אַז דאָרט איז דאָס רעכטע ממשות, ווייל עס שניידט אַריין אַזוי טיף אין אונזער טעגלעכן לעבן, ווייל ס'ליגט פֿאַר דער נאָז, ווייל מ'טרעפֿט זיך ביי אסיפות, ווייל מ'קען אָנטאַפּן דעם פּאַפּירענעם סטאַטוט פֿון אַ פֿאַריין און אָנרירן דעם קלינגענדיקן פֿאָנד פֿון אַ פּאַרטיי, איז דאָס אָבער פֿאָרט אַן אילוזיע, איז דאָס אַ מין קונציקע וועלט, אַ פּאַראַלעלע פּראָיעקציע צו דער אמת'ער וועלט, אָבער ניט די אמת'ע, די אייגנטלעכע, די איצטיקע וועלט אַליין...

און ניט איינער פֿון אונז האָט שוין דערפֿילט, אין אַ שטילער שעה, וואָס מיר גרייטן זיך צו דאָ צו אַנאַליזירן, אַז מיר, מיט אונזער גאַנצן מכלומרשטן תכלית, מיר מיט אונזערע מיטינגען און פֿאַרזאַמלונגען, פֿאָנדן און קאָמיטעטן, מיט אונזערע פּאַרטייען און אונזער „אַקטיוויטעט", באַוועגן מיר זיך ווי אין אַ מין רעאַליסטישן חלום, אַ „טאָג־טרוים" ווי די פּסיכאָלאָגן רופֿן דאָס.

און מיר האָבן דעם חלום, די וויזיע, אויף אַזוי ווייט אַריינגענומען אין אונזער לעבן, אים צוגעטיילט אַזאַ וויכטיקן פּלאַץ, אַז ער איז געוואָרן דער מושל, אַז ער האָט איינגענומען פֿ ו ל א ו ן ג א נ ץ דעם פּלאַץ פֿונעם רעאַלן לעבן. און מיר ווייסן היינט ניט מער דעם חילוק צווישן זיי... מיר קענען ניט מער אונטערשיידן, וואָס איז לעבן און וועלכעס — וויזיע...

דערפֿון איז אונזער בליק פֿאַרשוועכט געוואָרן לגבי די אמת'דיק רעאַלע טרעפֿעניש און מיר האָבן זיי ניט געזען, בעת זיי האָבן זיך צוגעגרייט, מיר האָבן זיי ניט דערגאַנגען, בעת זיי זענען פּאַסירט און מיר זעען ניט און ווילן נ י ט ז ע ן די נייע סכנות, וואָס גרייטן זיך צו פֿאַר אונזערע אויגן און וואָלטן געדאַרפֿט אויפֿרירן אונזער געוויסן און אונזער מורא, און אפשר אפילו די זאָרג פֿאַר אונזער אייגן נאַקעט לעבן...

מיר ווילן ניט זען און האַלטן אונזערע אויגן שטאַר און ווי פֿאַרגלעזט, צו־געווענדט צו דער פֿאַטאַ־מאָרגאַנאַ פֿון צוקונפֿט...

און אפילו די גזירה, דאָס ווייגעשריי פֿון די פֿאַרצווייפֿלטע, דאָס רויש און קאָכן פֿון ימים פֿון יידישן בלוט איז ניט געווען ביכולת, אונז אויפֿצוּוועקן פֿון אונזער טעמנע שלאָף... מיר האָבן אַלץ נאָך ניט משיג געווען, מיט דער

טיפסטער טיפעניש פון אונזער הארץ, דאָס איכות פון דעם, וואָס האָט זיך, כמעט פאַר אונזערע אויגן אָפגעשפילט...

8

דאָס ממשות פון דער וועלט

א גרויסער יידישער דיכטער און דענקער, אַן אמת׳ער גאון, וועמענס נאָמען טאָר דאָ ניט ווערן דערמאָנט, ווייל ער איז איינער פון די שווער געפרואווטע, וואָס ריכטן אָפּ דעם טויזנט־פאָכיקן יידישן גלות אויף דער אַנ־דערער זייט און וואָס גאָט זאָל אים שומר ומציל זיין, אָט דער גדול בישראל האָט, ניט לאַנג נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה עם דערקענט און קלאָר און בולט און בפירוש אַרויסגעזאָגט, אַז אין וואָס די וועלט נויטיקט זיך איז, זיך אויפצוּוועקן צום וועלט־ממשות!

די גאַנצע וועלט! ווייל אָט דער שלאָף, דער חלום, די וויזיע אינמיטן העלן טאָג, ווייל דער פרואוו, זיך אויסצודרייען פאַר דער אומאַנגענעמער רע־אַליטעט, דער פרואוו, זיך אַעווקצו׳גנב׳ענען פאַר דעם מערדערישן ממשות פון דער וועלט איז לאו דוקא אַ יידישע מדה. דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער סימן פון אונזער מאָדערנער וועלט־ציוויליזאַציע, שוין צייט אַ סך דורות, צו־געגרייט אין פאַרשידענע גייסטיקע און מאַטעריעלע פּראָצעסן, וואָס דאָ איז ניט דער אָרט, זיך אָפצושטעלן דערביי...

אָבער וועגן וואָס דאָ מוז יאָ גערעדט ווערן, איז, ווי אַזוי דאָס אמת׳ע לעבן זעט אויס לגבי אונזערע חלומות און אונזערע וויזיעס...

און דאָ מוזן מיר קודם כל פעסטשטעלן, אַז אין דער אמת׳ן און ממשות׳דיק, האָבן מיר ניט דאָס לאַנד און ס׳וועט נאָך קאָסטן אַ סך ביטערע קאַמפן, איידער ס׳וועט געלונגען, דאָס לאַנד צו באַקומען, אויב ס׳וועט בכלל געלונגען...

און דער אמת׳ן איז נאָך זער אַ וויטער וועג ביז צו דער סאָציאַליסטישער וועלט־רעוואָלוציע (בפרט נאָך די לעצטע וואַנדלונגען אין רוסלאַנד) און ס׳וועלן זיך נאָך אָפּשפּילן שווערע קאַמפן, ס׳וועט נאָך ווערן פאַרגאָסן אַ סך מענטש־לעך בלוט, איידער יענע רעוואָלוציע וועט קומען, אויב זי וועט בכלל קומען...

און דער אמת׳ן זענען מיר אַזוי ווייט פון דעם אייביקן שלום, ווי דער הימל איז ווייט פון דער ערד... אפשר איז אייביקער שלום צו געפינען טאַקע גאָר אין הימל...

און דער חלום פון עספעראַנטאָ איז, לכל הפחות ביי אונז יידן, נאָך גאָר ניט אַקטועל. מיר האַלטן זיך נאָך אַלץ אין איין האַקן צווישן יידישיסטן און העבראַאיסטן... וכדומה, וכדומה...

מיט אָט דעם ממשות אָבער, מיט אָט די פֿאַקטן, מעגלעכקייטן און אויסזיכטן מיזן מיר זיך רעכענען. מיר מוזן זיי אַנטקעגנשטעלן די נאָענטקייט פֿון די סכנות, וואָס סטראַשען אונז און מוזן אָפּשאַצן, אויף וועלכן פּראָנט איז דער *קאַמף* *וויכטיקער*, מיר מוזן אויפֿבויען אונזער לעבנס־בנין מיט דעם, וואָס ווערט אונז געגעבן *היינט*.

און דאָס טאַקע איז דער תמצית פֿון אמת׳ן רעאַליזם. — איך וויל מיך דערקלערן נענטער. אויב למשל די אייראָפּעאישע ציוניסטן וואָלטן געווען דערקענט, אין אַ באַשטימטער פּעריאָדע, אַז די סכנה פֿון היטלעריזם איז נענטער פֿון דער מעגלעכקייט צו דערגרייכן אונזער שטאַט, אויב זיי וואָלטן מיט אַ רעאַליסטישן בליק, געווען ביכולת אָפּצושאַצן, אַז יענע עקספּלאָזיע פֿון אַנטיסעמיטיזם וועט איינטרעטן, איידער דאָס ציוניסטישע אידעאַל קאָן ווערן רעאַליזירט, לויט די געגעבענע, פּאַקטישע באַדינגונגען, וואָלטן זיי געוויס געווען צוריקגעשטעלט די ציוניסטישע אַרבעט און זיך צוגעווענדט, מיט אַלע זייערע כּוחות, יענער פּראָבלעמע פֿון אַנטיסעמיטיזם...

און אויב למשל אַן ענגלישער ציוניסט זאָל היינט קומען צו דער דעה, אַז, לויט זיין רעאַליסטישער אָפּשאַצונג פֿון די פֿאַרהעלטענישן, איז די אַנטיסעמיטישע שיטה אין ענגלאַנד אַזוי שטאַרק און סטראַשנדיק, אַז די סכנה פֿון אַן עקספּלאָזיע איז *נענטער* ווי די מעגלעכקייט, צו דערגרייכן אונזער אייגענעם, יידישן שטאַט, דאַן וואָלט ער, בלי שום ספק, געלעגט דעם הויפּט־אַקצענט זיינעם אויף דער פּראָבלעמע און ניט אויף דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע...

די ביישפּילן זענען לחלוטין ניט קיין קריטיק פֿון ציוניזם און דער אמת׳ער ציוניסט מוז זיך וועגן דעם בשום אופן ניט אָפּזאָגן פֿון זיינע נאַציאָנאַלע אידעאַלן. דאָ ווערט נאָר אָנגעוויזן, אַז אין אַזאַ פֿאַל וואָלט מען געמוזט זעצן דעם טראָפּ אויף דער פּראָבלעמע, וואָס איז נענטער...

אין אונזער יאָרהונדערט איז געווען די צייט, צו דערקענען די קאַטאַסטראָפֿע, וואָס האָט זיך צוגעגרייט מיט יאָרן צוריק, איז געווען די אויפֿגאַבע, צו פֿאַרהיטן דעם אויסבראָך אירן און — *צו ראַטעווען קודם דאָס נאַקעטע לעבן*, *איידער* מען גייט עוסק זיין אין *פֿאַרבעסערן דעם מצב פֿון לעבן*... אָט דאָס וואָלט געווען אמת׳ער רעאַליזם...

אונזערע וויזיעס זענען אפשר אויך אַן ענטפֿער, אָבער אַן ענטפֿער אויף שפּעטערע, פֿאַר קומענדיקע גענעראַציעס. אפשר זענען זיי אפילו אַן ענטפֿער פֿאַרן נעכסטן דור, בשום אופן אָבער ניט פֿאַר אונז. דאָס, דאַכט זיך, האָט די גזירה דייטלעך גענוג באַוויזן...

אויף ווי ווייט אָבער דאַרפֿן מיר, אויף ווי ווייט טאָרן מיר מקריב זיין אונזער לעבן, אונזער דור, דאָס לעבן פֿונעם פֿאָלק אין אונזער צייט פֿאַר שפּעטערע דורות און שפּעטערע צייטן?

9

פּאַרטיי און ממשות

איך בין ניט אַזאַ ציניקער און ניט אַזאַ בעל־גוזמא דערצו, ווי יענער פֿאַר־ביסענער רעאַליסט, וואָס האָט דאָ אָנומעלט, אין אַ ויכוח, אויפֿגעשטעלט די באַהויפּטונג, וואָס אגב אורחא איז זי אַזוי אַלט ווי די גריכישע פֿילאָזאָפֿיע פֿון אפּיקורוס, אַז דאָס איז בכלל אַ נאַרישע אידייע און אפשר גאָר אַ ליגן, אויב מענטשן זאָגן, אַז זיי אַרבעטן און זענען זיך מקריב פֿאַר שפּעטערע דורות... אַז אונזער חיוב איז און קען נאָר זיין, אויפֿצובויען אונזער אייגן לעבן... אַז מיר מוזן טראַכטן צו מאַכן פֿון אָט דעם לעבן דאָס בעסטע, וואָס קען געמאַכט ווערן דערפֿון, אינעם משך פֿון אַ מענטשנ׳ס לעבן...

קודם כל — האָט דער ציניקער געדרונגען על פּי שכל — קענען מיר קיינמאָל ניט וויסן פֿריער, צי וועלן גאָר די שפּעטערע דורות ראוי זיין אויף דעם וואָוילטיק, וואָס מיר האָבן בדעה צוצוגרייטן פֿאַר זיי און וואָס מיר זענען צוציייטן אפילו גרייט, מקריב צו זיין אונזער לעבן דערפֿאַר, אין זיינע אויגן די גרעסטע נאַרישקייט...

ווייטער, קענען מיר אויך גאָר ניט וויסן, צי וועט ניט די וועלט אָדער אַ חלק פֿון דער וועלט, ניט אפשר אינגאַנצן חרוב ווערן דורך אַ נאַטירלעכער קאַטאַסטראָפֿע... צי וועט ניט אַן ערד־ציטערניש צעשטערן דאָס לאַנד, אַ קאָמעט אונטערצינדן דעם גלאָבוס, אַ מבול פֿאַרפֿלייצן די וועלט... אַזוי אַרום וועלן סיי אונזער מי, סיי די קרבנות אונזערע זיין געווען אומזיסט, סיי וועלן די שפּעטערדיקע דורות ניט האָבן קיין שום נוצן דערפֿון, דאָס הייסט, דער נוצן וועט ניט האָבן קיין שפּעטערדיקע דורות...

איך דאַרף, ווי געזאָגט, לחלוטין ניט פֿאַרקריכן אַזוי ווייט, ווי דער דער־מאָנטער בעל־פּלפּול...

פֿאַר מיר פֿאַרשטייט זיך, אַז באַוועגונגען און שיטות, אויב זיי זענען אפילו עוסק אין פֿראַגן פֿון צוקונפֿט, אָבער זיי נעמען פֿאַרט איין אַזאַ גרויסן פּלאַץ אין דער וועלט און אין דעם לעבן פֿון די פֿעלקער, מוזן פֿאַר־ענטפֿערן אַ טיף באַדערפֿעניש, וואָס איז פֿאַראַנען נאָך זיי...

עס איז דאָ ניט דער אָרט, זיך אָפּצושטעלן, אויף ווי ווייט יענע שיטות און פּאַרטייען, וואָס זענען דאָ דערמאָנט געוואָרן — און נאָך אַ טוץ אַנדערע — אויף ווי ווייט יענע פּראָגראַמעס און אידייען און אידעאַלן זענען אמת, דאָס הייסט, אויף ווי ווייט זיי פֿאַרטרעטן אַ גוטע, געזונטע און גערעכטע זאַך...

כאָטש מיר האָבן אפשר אַ ביסל צו פֿיל פּאַרטייען און ס׳וואַרפֿט זיך באַלד אַרויף אויפֿן שכל, אַז אויב ס׳זענען פֿאַראַנען אין אונזער קהילה אַן ערך פֿון, לאָמיר זאָגן, זיבעצן פּאַרטייען און גרופּן וכדומה, וואָס יעדע פֿון זיי פֿאַרמאָגט אַן אַנדערע רפֿואה פֿאַרן יידישן פֿאָלק, (פֿון יענע, וואָס פֿירן רפֿואות פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט, שמועסט מען גאָר ניט) מוזן זיין דערונטער

— על פי לאָגיקע — ניט ווייניקער פֿון זעכצן אָדער גאָר פֿאַלשע, אָדער — לכל הפתות — ניט פֿון די סאַמע בעסטע...

פֿונדעסטוועגן פֿאַרענטפֿערן זיי, ווי געזאָגט, וויכטיקע באַדערפֿענישן, רופֿן זיי זיך אָפּ אויף אייביקע בענקענישן פֿון דער מענטשלעכער און דער יידישער נשמה, אויף איידלע און — אויב מ'קען עס אַזוי אָנרופֿן — נוצלעכע חלומות פֿון דעם מענטשלעכן האַרץ, וואָס גייען אונז אַלעמען אָן...

אָבער ס'וויזט אויס, אַז אונזער עוולה איז געווען, וואָס מיר האָבן זיך אַריינגעלאָזט צו פֿיל אין אָט די בענקענישן פֿון די הערצער און אין די וויזיעס פֿון אונזער פֿאַנטאַזיע, מיר האָבן זיי צוגעטיילט צו פֿיל פֿון אונזער כוח, ביי אונזער פּרואוו, זיי צו פֿאַרווירקלעכן און דערמיט האָבן מיר פֿאַרשוועכט און געשעדיקט אונזער שטאַנד אין דער אמת'ער רעאַלער וועלט...

דערפֿאַר האָבן מיר ניט געוואוסט, ווי זיך אָפּצורופֿן בשעת הדחק, זענען מיר מבולבל געוואָרן פֿאַר דער רעאַליטעט פֿון דער בהלה, דער גרעסטער טראַגעדיע אין דער געשיכטע פֿון אונזער פֿאָלק. דערפֿאַר האָבן מיר באַנקראָטירט; באַנקראָטירט פֿאַר דעם ממשות פֿון דער וועלט און פֿאַר דעם ממשות פֿון דעם יידישן חורבן — — —

10

„רעאַל-פּאָליטישע" טענות

ס'איז פֿאַראַן נאָך אַ פּלפּול און דער פּלפּול קומט אַרויס פֿון נאָך גרעסערע „רעאַל-פּאָליטיקער", וואָס זייער טענה איז, אַז אויב אפילו דאָס פֿאָלק זאָל האָבן געהאַט דערפֿילט די גרייס פֿון דער טראַגעדיע און וואָלט געווען אָנגעברייט צו מעשים, איז פֿון אָנהויב אָן ניט געווען געגעבן די מעגלעכקייט צו העלפֿן, דאָס הייסט, צו לאָזן צוקומען די הילף אַהינצו, צו אונזערע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער...

כאָטש ס'איז דאָ שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז דער ענין, וואָס דאַרף אונז אינטערעסירן פֿאַר אַלעמען, איז ניט דאָס, וואָס וועט אַרויסקומען פֿונעם נאַציאָנאַלן אבילות, נאָר — דער חיוב פֿון אבילות פֿאַר זיך אַליין, כאָטש מיר קענען בשום אופן ניט טון דעם צווייטן שריט איידער מיר האָבן געטון דעם ערשטן (דאָס איז אפשר טאַקע די בעסטע דעפֿיניציע פֿון ממשות), מוז איך פֿאָרט צוריקפֿאַלן פֿאַר דעם דרוק פֿון אונזערע פּסעוודאָ-רעאַליסטן און מיך אָפּשטעלן ביי זייער טענה, אויב אפילו נאָר דערפֿאַר, כדי צו ווייזן, אַז די טענה איז מיר ניט פֿרעמד...

אויפֿן ערשטן אָנזע מוז מען צוגעבן, אַז אין דער טענה איז פֿאַראַן אַ שטיקל אמת, אויף ווי ווייט די הילף איז ניט אָפּהענגיק פֿון אונז, נאָר פֿון דער השגה פֿון אַנדערע. ס'איז אמת, אַז די הילף איז אָפּהענגיק דערפֿון, צי זיי,

די פרייע מלוכות האלטן דאס פאר זייער חיוב, זיך אנצונעמען אונזער בלוטיקע קריוודע, הגם דאס וואלט בעדארפט ווערן אנגעזען, ווי א קריוודע פון דער גאנצער מענטשהייט...

די טענה גייט אבער ווייטער און דרינגט, אז אויב אפילו די פרייע פעל־קער וואלטן דאס געהאלטן פאר זייער חיוב און וואלטן געוועזן גרייט זיך אריינצומישן אקטיוו לגבי פון אזא ניט דערהערטן, וועלט־היסטארישן פאר־ברעך, איז נאך א גרויסע פראגע, צי די „מיליטערישע און סטראטעגישע סיטו־אציע", וואלט געוועזן צוגעלאזט צו טון אט דעם מאראלישן חיוב... ביז איצט האט עס די לאגע, ווייזט אויס, ניט דערלאזט...

און דערמיט, דאכט זיך, זענען אויסגעשעפט אלע טענות וואס מען האט געמאכט און קאן מאכן אין דעם ענין...

צו די טענות מוז מען קודם כל ענטפערן, אז, נאך אלעמען וואס ס'איז דא געזאגט געווארן ביז אצונד, פארענדערן זיי בשום אופן ניט די דעה און די אידייע פון אן אלגעמיינעם נאציאנאלן אבילות, וואס דאס בלייבט א חיוב אונטער אלע אומשטאנדן...

ווייטער אבער קען מען זאגן און איבער'חזר'ן, אז ווי לאנג דאס פאלק איז ניט אנגעכאפט געווארן פון ליידנשאפט איבער דעם, וואס איז געשען, קענען מיר בכלל ניט אפשאצן די מעגלעכקייטן אונזערע...

מיר קענען ניט וויסן, צו וואלט אונזער באוואוסטער און גע־היבענער כוח ניט אפשר משפיע געווען אויך אויף דער מאראלישער קוואליטעט פון די אומות העולם, הגם לכתחילה זאלן זיי אפילו ניט האבן גע־וויזן קיין גרויסן חשק, זיך צו פאראינטערעסירן אקטיוו מיט אונזער גורל...

דוקא מיר וואלטן אבער באדארפט צו וויסן פון אונזער געשיכטע, און אפילו בעסער פון יעדער אנדערער נאציע אין דער וועלט, אז גראד בשעת־הדחק, בשעת די גרעסטע אנשיקענישן איז דער היסטארישער מאמענט, ווען ס'איז געגעבן צו א פאלק, אויפצוועקן באהאלטענע, שלאפנדיקע כוחות, ארויס־צוגעפינען נייע, פארבארגענע קוואלן, פארשיטע אוצרות פון דער פאלקס־נשמה און זיך אויפצוהויבן צו גרויסע, ניט דערווארטע מעשים, גורם צו זיין וויכטיקע, ניט פארהאפטע פארענדערונגען...

האבן מיר זיך אבער אויפגעהויבן צו אזא כוח? האבן מיר געוויזן צו די אומות העולם, ווי שטארק מיר זענען געטראפן ביי דעם אומגליק פון אונזערע ברידער און שוועסטער? האבן מיר זיי באוויזן, מיט אונזער פירונג אין לעבן, אז די נאציאנאלע טראגעדיע אונזערע האט משפיע געווען אויף אונזער מאראל? האבן מיר באמת, מיט פולן ערנסט און מיט כוונה, געפרואווט צו באקומען די נויטיקע הילף און זענען מיר מיט אונזער פרואוו געגאנגען גענוג ווייט?...

בלייבט נאך די טענה וועגן דער „סטראטעגישער סיטואציע", וואס דער־לאזט ניט צו טון דעם מאראלישן חיוב, אויב מ'איז אפילו גרייט דערצו...

11

דער גריכישער עפּיזאָד

כּאָטש ס׳ווייזט אויס איבריק, זיך אַריינצולאָזן אין דעם ענין פֿון סטראַ־טעגיקע און מאָראַלישן חיוב, ווי לאַנג מיר האָבן ניט דערגרייכט, אַז די פֿרייע פֿעלקער זאָלן באמת דערקענען און אָנערקענען, אַז זיי האָבן אַ הייליקן, מאָראַלישן חיוב קעגן אונז, מוז איך מיך פֿאָרט אָפּשטעלן דערביי, ווייל דער עולם האָט ניט קיין געדולד, צו גיין שריט פֿאַר שריט און זיי לאָזן זיך פֿאַרהאַלטן אויף זייער וועג פֿון טענות, וואָס שטייען אויפֿ׳ן צווייטן, צי גאָר אויפֿן דריטן פּלאַץ און וואָס זיי וואָלטן זיך אפשר איבערהויפּט ניט אויפֿגעוואָרפֿן, אויב מען וואָלט נאָר אַ ביסל צוגעוואַרט...

איך פֿון מיין זייט, מיין, אַז ס׳זענען פֿאַראַן מאָמענטן, וואָס דעמאָלט איז דער מאָראַלישער חיוב חשובער פֿונעם סטראַטעגישן פֿאָרטל און ער קען אַמאָל, פֿאַר דעם סך־הכל פֿון דער מלחמה, אפילו זיין וויכטיקער אויך...

ס׳איז לחלוטין ניט נויטיק צו פֿאַרדרייען מיט דער נאָז איבער אַזאַ השגה. עס וועט זיך באַלד ווייזן, אַז דאָס איז לחלוטין ניט אפשר די בויד־סברא פֿון אַ חסידישן ישיבה־בחור, נאָר טאַקע די סברא פֿון אַ גאָר גרויסן אייראָפּעאישן שטאַטסמאַן און אַ גאָר גרויסן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט...

די סברא איז ניט נאָר באַקאַנט ביי אונזערע מלוכות, מען באַנוצט זיך אפילו מיט איר, אין געוויסע פֿאַלן, ווי מיט אַ העכערער חכמה, כמובן, ניט ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן יידן, נאָר למשל וועגן גריכן...

מיר וועלן צוריקטרעטן אויף אַ ווייל און געבן דאָס וואָרט דעם באַרימטן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, מר. קניקערבאָקער, וואָס ער פֿאַרטיידיקט מר. טשורטשיל׳ן אַקעגן די פֿאָרוואָרפֿן וועגן דער ענגלישער עקספּעדיציע קיין גריכנלאַנד, וואָס זי האָט, ווי יעדער ווייסט, געהאַט אַ מיאוסן סוף...

עס וועט דאָ ניט ווערן געגעבן קיין שום פּירוש צו דער זאַך, וואָס גייט אונז, אין דעם שייכות, גאָר ניט אָן. מיר פֿירן זי נאָר אָן דערפֿאַר, ווייל זי איז אַ תמיכה צו אונזער באַהויפּטונג און מיר וועלן נאָר אַרויסהויבן יענע ווער־טער, וואָס שטייען אין אַ נאָענטן שייכות צו איר.

אָט דאָס איז, וואָס מר. קניקערבאָקער שרייבט:

„צום סוף האָבן מיר געהערט פֿאַרשידענע קריטיקן בנוגע צו דער אַנטשיידונג פֿון טשורטשיל׳ן, צו שיקן טרופּעס קיין גריכנלאַנד און אַז דאָס איז געווען אַ פֿעלער, ווייל ער האָט געוואוסט, זיי וועלן ניט קענען אויס־האַלטן אַקעגן די דייטשן.

„מען האָט געטענה׳ט, אַז פּאָליטישע טעמים טאָרן ניט באַשטימען קיין מיליטערישע אַנטשיידונגען...

„אָבער וועגן וואָס ווערט דען אָט די מלחמה געפֿירט,

אויב נ י ט בכדי ווידער צו ב א פֿ ע ס ט י ק ן ד ע ם ה אָ נ ע ר (כבוד) צ ו ו י ש ן ד י א ו מ ו ת.

„ענגלאַנד האָט זיך געהאַט פֿאַרשוואוירן, צו קומען צו הילף די גריכן. אויב ענגלאַנד וואָלט ניט געווען געהאַנדלט לויט דעם, באשר, ס'איז ניט גע־ווען קיין האָפֿנונג א ו י ף ר י י ן ג ע ו ו י נ ס, ד אַ ן וואָלט עס פֿאַר־לוירן אַ היבש ביסל פֿון זיין מ אָ ר אַ ל י ש ן ש ם, וואָס היינט איז דאָס פֿאַר אים ווערט מער פֿון אַ פּאָר ארמיי־קאָרפּוסן.

„די פּאָליטישע אַנטשיידונג איז געוואָרן געמאַכט אינעם זין פֿון דער קלאַסישער דעפֿיניציע פֿ ו ן פּ אָ ל י ט י ק, א ל ס פֿ ו ן יענעם צ ו ו י י ג פֿון מ ו ס ר, וואָס באַשעפֿטיקט זיך מיט די ע ט י ש ע ב אַ צ י אָ ו נ ג ע ן א ו ן ח י ו ב י ם פֿ ו ן ש ט אַ ט ן..."

אזוי ווייט מר. קניקערבאָקער!

און אויב מ'וועט אפילו גערן צוגעבן, אז ס'רוב וועט די סטראַטעגישע איבערוועגן, האָט מען זיך אָבער אפשר פֿאַרט אָפּגעלערנט פֿון דעם עפּיזאָד, אז מ'דאַרף ניט אַנידערפֿאַלן פֿאַר קיין שום וואָרט און פֿאַר קיין שום באַגריף, ווי באַלד עס האַנדלט זיך וועגן גרויסע מאָראַלישע אַנטשיידונגען. דערמיט האָבן זיך אָבער אויך פֿאַרענטפֿערט יענע פֿאַר טענות, וואָס כמעט יעדער וועט אייך פֿאַרהאַלטן, אויב איר וואָגט צו דערמאָנען דעם יידישן חיוב און דאָס יידישע אחריות. —

12

מוסר און סטראַטעגיקע

נאָך אַלעמען בלייבט אָבער אַלץ נאָך די גרויסע פֿראַגע, צי פֿון אַזאַ מין אימפּולסיון, מאָראַלישן אָפּרוף מצד די אַליאירטע און ניט קוקנדיק אויף קיין שום סטראַטעגישע און פּאָליטישע איינווענדונגען, וואָלט בכל אופן געמוזט אַרויסקומען אַ רעה, עפּעס שלעכטס, און צי וואָלט דערפֿון ניט אפשר געווען אַרויסגעקומען אַ גרויסער נוצן פֿאַר די אַליאירטע שטאַטן און דווקא מיליטעריש, סטראַטעגיש און פּאָליטיש...

איך קען מיר משער זיין, אַז אין די אויגן פֿון אַ „היסטאָרישן מאַטעריאַ־ליסט" מוז זיך אַזאַ השגה אויסנעמען משונה ווילד, חסידיש; אַזאַ פֿראַגע מוז אים פֿאָרקומען טאַקע ווי אַ רעכטע קלאָץ קשיא...

אָבער נאָך דעם, וואָס מיר האָבן באַקומען צו הערן פֿון מר. קניקער־באָקערן און ווי דער גרעסטער, אַמעריקאַנער זשורנאַליסט האָט זיך בכלל ניט געשעמט צונויפֿצוברענגען די באַגריפֿן פֿון מוסר און סטראַטעגיקע, ווי ער האָט זיך לחלוטין ניט געשעמט אַרויפֿצולייגן אויף דער וואָג דעם חיוב פֿון מוסר אַנטקעגן די פֿאָדערונגען פֿון סטראַטעגיקע און — געלאָזט דעם מוסר

מנצח זיין, דאָן, מיין איך, דאַרפֿן זיך די יידישע אַפּיקורסים'לעך אודאי ניט שעמען מיט השגות אויס דעם פֿעלד פֿון מוסר און אמונה...

ס'איז געוויס ניט לייכט צו באַווייזן דאָס שייכות צווישן מאָראַלישע טאַטן און סטראַטעגישע רעזולטאַטן, בפרט נאָך, אויב מען סטאַרעט זיך אַזוי זעלטן אויסצופּרואוון די פּעולה פֿון אַ מאָראַלישער טאַט...

איין פּעולה ווייזט מיר אויס, וואָלט אָבער זיכער געווען אַרויסגעקומען, אויב די אַליאירטע וואָלטן זיך געווען ערנסטלעך אָנגענומען די יידישע קריוודע; אויב זיי וואָלטן באַטראַכט זייער פֿליכט לגבי אונזער קאַטאַסטראָפֿע אויך פֿאַר אַ זאַך פֿון האָנער (פּונקט ווי ביי די גריכן) און וואָלטן געווען אויפֿגעטרעטן קעגן די סאַדיסטישע רוצחים און אכזריות'דיקע מערדערס, ווי ס'געהער צו זיין... ס'וואָלט ניט געווען מעגלעך, אַז אַ פֿאַר־זעעניש, ווי ד"ר געבעלס, זאָל זיך נאָך היינט טאָרן דערוועגן צו פּראָטעסטירן, אויב מען באָמבאַרדירט דייטשע שטעט און ס'ווערן געטראָפֿן פֿרויען און קינדער און ס'זאָלן זיך נאָך אַלץ געפֿינען מענטשן און שטאַטן, וואָס זאָלן מסכים זיין מיט אים.

ס'וואָלט ניט געווען מעגלעך, אַז אין חודש פֿעברואַר, 1944, אין דעם פֿינפֿטן יאָר פֿון דער מלחמה, זאָל פֿאַרקומען אין ענגלאַנד דער פּאַראַדאָקסער פֿאַל, אַז דער בישאָף פֿון טשיטשעסטער זאָל עפֿנטלעך פּראָטעסטירן — ניט, חלילה, קעגן דער סאַדיסטישער שחיטה פֿון אומשולדיקע יידישע מענטשן — נאָר קעגן דעם באָמבאַרדירן דייטשע שטעט, כאָטש דאָס ווערט אָנגעזען פֿאַר אַ סטראַטעגישער און מיליטערישער נייטיגקייט...

ס'וואָלט ניט געווען מעגלעך, אַז די אַליאירטע זאָלן זיך נאָך באַדאַרפֿן אַריינלאָזן אין אַ פּלפּול דעריבער, ניט דערמאָנענדיק דערביי — פֿאַרשטייט זיך— מיט קיין וואָרט אפילו, די דייטשע רציחות קעגן יידן...

ס'איז קלאָר, אַז איבער דער פּעולה, צי איבער אַנדערע רעזול־טאַטן פֿון אַן אָפּרוף קען מען זיך מפּלפּל זיין. מ'קען אויף דעם קריגן, פּונקט ווי טשורטשיל'ס קריטיקער זענען זיך מפּלפּל געווען אין דער גריכישער עק־ספּעדיציע...

אויב מ'וואָלט אָבער אפילו יאָ געקאָנט מאַכן איינווענדונגען פֿון סטראַ־טעגישן שטאַנדפּונקט און זיי וואָלטן אויסגעוויזן זער פּראַקטיש, זער ריכטיק און זער שכל'דיק — דאַן בלייבט נאָך אַלץ די פֿראַגע פֿון דעם חשיבות פֿון דעם מאָראַלישן חיוב לגבי דער וויכטיגקייט פֿון דער סטראַטעגישער טענה...

און דאָ מוז מען זאָגן, אַז ס'איז פֿאַראַן מאָמענטן, ווי מ'טאָר ניט האַנדלען שכל'דיק...

קעגן אַ פֿאַרברעך פֿון דער מאָס, ווי די רציחות קעגן יידן, טאָר מען אפשר גאָר ניט באַקלערן קיין פֿאָרטלעך. אין אַזאַ פֿאַל באַשטייט נאָר איין עטישער אימפּעראַטיוו, וואָס אין אים הענגט דער גאַנצער עטישער כאַראַקטער פֿון אונזער וועלט. דאַן איז די צייט צו האַנדלען לויט דעם ממשות פֿון דער מינוט, אינעם זין פֿון יידישן מוסר. דאַן איז די שעה פֿון דער גרויסער

בחינה, ווי מ׳קען באַווייזן, צי מ׳איז אַן אמת׳דיקער בעל מאמין, צי מ׳קעמפֿט באמת פֿאַר „די רעליגיעזע גרונדלאַגן פֿון דער אָונטלענדישער קולטור״, צי מ׳איז באמת דאָס „ביבל־פֿאָלק״, ווי מ׳האָט באַהויפּטעט און צי מ׳ווייסט, אַז מ׳שטייט "at the bar of history, of humanity, of God" פֿאַר דעם שראַנקן פֿון דער געשיכטע, פֿון דער מענטשהייט און פֿון גאָט, לויט די באַרימטע ווערטער פֿונעם אַרציבישאָף, ד״ר טעמפּלע, בעת ער האָט באַצייכנט די באַציאונג פֿון די שטאַטן צו דער גזירה איבער יידן.

דאַן מוז מען האַנדלען לויט יענע פּרינציפּן פֿון יידישן מוסר, וואָס קענען אַמאָל סותר זיין מיט די פּאָליטישע, מיליטערישע און סטראַטעגישע פּרינציפּן. דאַן מוז זיך ווייזן, אַז די אַלע טענות זענען — אפילו אין מלחמה־צייטן — ניט דער עיקר, זענען נאָך ניט אַלץ אויף דער וועלט!...

דאַן מוז מען האָבן בטחון אין דעם מאָראַלישן כוח, וואָס רעגירט אונזער וועלט און וואָס מיר רופֿן אים מיט דעם נאָמען — גאָט!...

13

א מוטיק אמעריקאַנער וואָרט

געזען פֿון אָט דעם מצב איז דער אַמעריקאַנער קאָנגרעסמאַן עמנואל סעלער געווען זער געערכט, וואָס במשך פֿון דער גרויסער, יידישער פּראָ־טעסט־וואָך אין ניו־יאָרק האָט ער ענערגיש געפֿאָדערט אַ זאָפֿאָרטיקן אָפּרוף, ניט דערמאַנענדיק דערביי אפילו די פֿראַגע פֿון סטראַטעגישע מעגלעכקייטן און מיליטערישן נוצן...

דאָס איז דעמאָלט, אין דער ערשטער צייט פֿונעם רושם ניט נויטיק געווען און צווייטנס האָט ער וואויל געוואוסט, אַז אויב די אַליאירטע וואָלטן זיך ערלעך און ערנסט באַמיט אין דעם ענין, וואָלטן זייערע זער קלוגע און זער ביטרע שטאַטסמענער זיכערלעך געווען געפֿינען וועגן און מיטלען אויף בייצוקומען די שוועריגקייטן... זיי האָבן שוין אויפֿגעטון גרעסערע שטיק אין דער מלחמה...

צוויי שטעלן פֿון דער רעדע פֿון מר. סעלער זענען ווערט איבערגע׳חזר׳ט צו ווערן, צוליב זייער אָפֿנקייט און זייער מוט. אין דעם נומער 13-14 פֿון יאַנואַר, 1943, ברענגט דער ניו־יאָרקער „פּוילישער איד״, אַן אויסצוג פֿון סעלער׳ס רעדע. אונטער אַ סך אַנדערע שאַרפֿע באַמערקונגען האָט ער גע־זאָגט אַזוי (אין דעם אויסלייג פֿון דעם אַמעריקאַנער אָריגינאַל):—

„עס איז ווייניק, וואָס פּרעזידענט רוזוועלט צוזאַמען מיט די פֿירער פֿון די אַנדערע דעמאָקראַטישע פֿעלקער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ שאַרפֿע דעקלאַראַציע קעגן די רציחות פֿון די נאַציס איבער די אידן אין פּוילן. פּרע־זידענט רוזוועלט וואָלט אַליין געדאַרפֿט רעדן דורך ראַדיאָ צום דייטשישן

פֿאָלק און וואָרנען, אַז אַלע דייטשן וועלן באַצאָלן פֿאַר די הריגות איבער די אידן, ווייל אַלע זענען זיי מיטשולדיק פֿאַר די גרויזאַמע פֿאַרברעכנס".

און ווייטער האָט ער געזאָגט:—

„די אַליאירטע דאַרפֿן באָמבאַרדירן דייטשע שטעט, איין שטאָט נאָך דער אַנדערער, און דערקלערן, אַז דאָס איז אַלס שטראָף פֿאַר די ווילדע רציחות איבער די אידן און דאָס באַשטראָפֿן די שולדיקע דאַרף מען ניט אָפּלייגן ביז נאָך דער מלחמה, נאָר עס דורכפֿירן שוין, איצט. אַלע פֿאַר־באַרייטונגען דערצו דאַרפֿן שוין איצט געמאַכט ווערן. מען טאָר ניט איבער־חזר'ן די קאָמעדיע פֿון נאָך דעם ערשטן קריג, ווען דאָס פֿאַר'משפּט'ן די שולדיקע אין דייטשלאַנד איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חוזק. און אויך אַמעריקע איז ניט ריין פֿון פֿאַרוואורפֿן דערפֿאַר, וואָס עס איז דעמאָלט אַזוי געשען"...

צוויי מאָמענטן זענען באַזונדערס וויכטיק אין די פּאָר שירות. די פֿאָ־דערונג, אַז די פֿאַרגעלטונג מוז געשען תּיכּף און אַז עס מוז דערביי ווערן באַטאָנט, אַז דאָס געשעט אַלס שטראָף פֿאַר די רציחות.

ווייל ענגלאַנד האָט שפּעטער טאַקע באָמבאַרדירט בערלין און אַ סך אַנ־דערע דייטשע שטעט, אָבער ניט אפילו דערמאָנט מיט אַ וואָרט, דעם פֿאַר־ברעך קעגן יידן.

מיט אָט אַזאַ וואָרט אָבער וואָלט מען געווען געמאַכט פֿון דעם סטראַ־טעגישן אַקט אַ מאָראַלישע טאַט! און אין דעם נויטיקן מיר זיך זער שטאַרק!... מיר — און די וועלט!

14

די טענה וועגן פּראָפּאַגאַנדע

עס קען זיין, אַז אַן אַנדערע לכתחילה'דיקע סבה פֿון אונזער מיסטעריעזער שתיקה, פֿון אונזער אייזקאַלטער פֿאַרגליווערטקייט לגבי די טייכן פֿון וואַרעם יידיש בלוט, איז געווען דאָס אויסערגעווענטלעכקייט פֿון דעם פֿאַרברעך, זענען געווען די אומגלויבלעכע פּרטים פֿון דער אוממענטשלעכקייט פֿון די דעגענערירטע, דייטשע גזלנים, די אויסגעריסענע און פֿאַרוואָרפֿענע רוצחים...

די מענטשלעכע טבע האָט זיך פּשוט אָפּגערוקט פֿון די כמעט אומפֿאַר־שטענדלעכע, אכזריות'דיקע שמועות, זיך איינפֿאַך אָפּגעווענדט פֿון יענעם פֿערווערזן סאַדיזם, וואָס — האָט מען געמיינט — קען נאָר פֿאַרקומען אין משוגעים־הייזער, אָבער ניט אַדאָ, אין דער מכלומרשט נאָרמאַלער וועלט, דער „בעסטער פֿון אַלע וועלטן"... די שמועות זענען ניט אַריין אין אונזער מוח. אונזער שכל, אונזער השגה האָט זיך אינסטיקטיוו און ווי אין אַ רעפֿלעקס

פֿאַרשלאָסן פֿאַר די פֿאַקטן, ניט אַריבערגעלאָזט זיי איבער דער שוועל פֿון אונזער באַוואוסטזיין.

מיט דער צייט אָבער און ווען זיי זענען פֿאָרט אַהין אַריין, האָט עס דער שׂכל ניט אָנגענומען, האָט עס די גרויע סובסטאַנציע פֿון אונזער געהירן ניט פֿאַרדייט; און אויב שטיקער פֿון די שמועות זענען דאָרטן פֿאָרט פֿאַר־בליבן, זענען זיי געווען געאַכט נאָר ווי פֿרעמדע קערפּער...

אַזוי ווי מיר לעבן אָבער אין אַ פּעריאָדע פֿון פּראָפּאַגאַנדע, דאָס הייסט, אין אַ צייט, וואָס במקום פֿון טיפֿע און ערנסטע איבערצייגונגען, לאָזט מען זיך פֿאַרדולן דעם מוח מיט די פּויקן פֿון פּראָפּאַגאַנדע, האָט מענטשלעכע געמיינקייט און נידעריגקייט זיך אַפילו דערוועגט צו באַהויפּטן, אַז דערביי האַנדלט זיך וועגן פּראָפּאַגאַנדע... און מען הערט אַזעלכע דבורים אַ סך, זער אַ סך, נאָך ביז'ן היינטיקן טאָג און דוקא פֿון מענטשן, וואָס האָבן, ווייזט אויס, פֿאָרט נאָך אַ ביסל געוויסן בנוגע צו אונזערע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער...

פּראָפּאַגאַנדע! ס'זענען פֿאַראַן מענטשן, וואָס באַהויפּטן, אַז דאָ ווערט געטריבן אַ ליגנעריש שפּיל מיט שמועות וועגן דעם טויט, וועגן דער גסיסה און די מאַטערנישן פֿון מיליאָנען פֿון מענטשן, מיט דעם מסירת נפש פֿון אונ־זערע נאָענטסטע, צוליב דער עבודה־זרה פֿון פּראָפּאַגאַנדע...

אונז אָבער דאַכט זיך, אַז דערמיט ווילן זיי באַרואיקן נאָר זיך אַליין; טראַכטן זיי איינצושלעפֿערן דאָס אייגענע אומרואיקע געוויסן...

15

דער אנהויב פֿון אונזער בזיון

און אפשר זענען מיר אין די פֿאַלשע סברות געשטאַרקט געוואָרן דורך דעם אופן, אויף וועלכן די פֿרייע, ניט יידישע וועלט האָט זיך אָפּגערופֿן אויף אונזער טראַגישן גורל.

און מיר האָבן געהאַט בטחון אין דער ניט יידישער וועלט. מיר האָבן פֿאַרטרויט יענער וועלט, וואָס האָט דערקלערט, אַז זי פֿירט מלחמה פֿאַר די עטישע ווערטן פֿון דער מענטשהייט, צי גאָר פֿאַר „די אידעאַלן פֿון דער רע־ליגיעזער קולטור פֿונעם אָונטלאַנד"... און אויב ס'האָט זיך דאָ אַפילו גע־האַנדלט וועגן אַ קריסטלעך־רעליגיעזער קולטור, איז דאָס ניט געווען קיין גרויסער חילוק, לכל הפחות ניט אין דעם שייכות, ווייל יעדע פּאָזיטיווע אמונה איז מסכים מיט די אַלגעמיינע כללים פֿון מוסר...

אפשר זענען מיר לכתחילה געוואָרן פֿאַרפֿירט פֿון דער גלייכגילטיגקייט און שטומפּיגקייט, מיט וועלכער יענע וועלט האָט זיך אָפּגערופֿן אויף דעם

גרעסטן פֿאַרברעך פֿון אַלע צייטן, פֿון דעם אופֿן, ווי מ'פֿלעגט צו באַריכטן פֿון דעם פֿאַרברעך...

אפשר זענען מיר אַליין געוואָרן פֿאַרשטומפּיקט, לייענענדיק יענע קורצע באַריכטן און אַ סך פּירושים פֿון עפּעס אַ „ליקווידאַציע פֿון יידן”, פֿון ליק־ווידאַציע, אַ באַצייכנונג פֿון דער באַנק־און מסחר־וועלט, וואָס אין איר זאַכ־לעכן ציניזם קען זי טאַקע נאָר ווערן צוגעגליכן צו דער זאַכלעכער, סיסטע־מאַטישער און כמעט ביוראָקראַטישער פֿאָרמע פֿון דער היטלערישער גזירה אַליין...

ס'האָט אָבער גאָר אַ קליינעם ווערט, צו דערמאָנען די עוולות פֿון אַנ־דערע, ווי לאַנג מען מוז זיך אַליין מאַכן פֿאָרוואָרפֿן, אַז מ'האָט ניט געטון זיין חיוב...

ס'בלייבט אַלץ אַ סברא, אַז אויב מיר וואָלטן געווען געטון אונזערס, וואָלטן יענע אפשר אויך געהאַנדלט אַנדערש...

ווי ס'זאָל ניט זיין, איז אָבער שפּעטער, ווען די שמועות זענען געוואָרן וואָס אַמאָל זיכערער, די גרוילעכע פּרטים אַלץ באַשטימטער, בעת דער מוח האָט זיי ניט מער געקאָנט אויסשליסן, ניט דער שכל זיי אָפּרוקן פֿון זיך, זענען מיר פֿון דעם לכתחילה'דיקן „ניט קענען פֿאַרשטיין” פּאַמעלעך אַריבערגע־גאַנגען צו דעם „ניט קענען הערן”...

און דאָ הויבט זיך אָן אונזער גרויסער בזיון...

16

דריי — און דריי מיליאָנען

ביים בעסטן ווילן ניט צו הערן, האָבן מיר אָבער פֿאָרט ניט געקאָנט אויסמיידן די אימה'דיקע בשורות, וואָס האָבן טאָג פֿאַר טאָג, מיט זייער אומ־ברחמנות'דיקן, האַרטן אמת געקלאַפּט אין אונזער טיר... עפּעס טאַקע נאָר, ווי זיי וואָלטן זיך אייגנס געמיט אונז אויפֿצוּוועקן פֿון אונזער מיאוס'ן און אומווירדיקן דרימל...

מיר אָבער, מיר האָבן בשום אופֿן אונז ניט געוואָלט לאָזן שטערן אין אונזער אַנגענעמען און באַקוועמען שלאָף און ווייל די בשורות רעות האָבן אונז דערקוטשעט דערביי, האָבן מיר טאַקע באַלד, מיט אַ ברוטאַלן אַנטשלוס, אונז געגעבן אַ דריי אוים פֿון „ניט קענען הערן” צו „ניט ווילן הערן אפילו” און — ס'האָבן זיך אויסגעלאָזט די באַריכטן.

דאָס הייסט, כמעט גאַנץ אויסגעלאָזט האָבן זיך די באַריכטן אין די צייטונגען פֿון דער ניט יידישער וועלט. דאָרט האָבן זיך די נאָטיצן איבער יידן שוין פֿריער אויסגענומען, נאָר עפּעס ווי אַן אָרימער קרוב, וואָס שטייט אַ יעדן איינעם אין וועג און אַ ביסל שעמט מען זיך מיט אים און ער פֿאַרשטערט

נאָר דעם ריינעם תענוג, וואָס מ'וואָלט געקאָנט ציען פון די מיטטיילונגען איבער אונזערע גרויסע נצחונות...

אין יענע קנאַפּע באַריכטן איבער געשאָכטענע קינדער און געשענדעטע און דער'הרג'עטע פרויען האָט זיך אַלץ אַרויסגעהערט עפּעס ווי אַ באַהאַלטענער פּאַרוואָרף, אַ מין ניט אויסגערעדטע טענה צו די פרייע מענטשן אין די פרייע מדינות, יאָ כמעט צו יעדן איינצעלנעם פון די לעזער בפרט...

דאָס האָט מען אָבער ניט ליב. דאָס ווערט ניט גערן געלעזן. דאָס איז ניט פּאָפּולער. און ווייטער, איז דאָס שוין עפּעס אַלטס, דאָס איז באמת קיין „נייעס" מער, דאָס איז דער דבר ידוע, וואָס קיין הונט, אפילו בילט ניט מער אויף דעם... באַגייט מען זיך אָן דעם. און, סוף כל סוף קאָן מען ניט האַלטן אין איין איבער'חזר'ן דעם גלייכן „מלחמה־גורל"...

פינדעסטוועגן, אַז מ'האָט אין יאַפּאַן — נאָך אַ קריגס־געריכט — דער־שאָסן האָבט זיך, איינעם, צי צוויי, צי לאָמיר אפילו זאָגן דריי פליערס, האָט געראַשט דער גאַנצער אַמעריקאַנער, וואָס הייסט, דער גאַנצער גלאָבאַלער בלעטערוואַלד. און ערנסטע אַמעריקאַנער שטימען האָבן געהייסן, אין דעם ישייכות און טאַקע וועגן דעם פּאַרקומעניש, מען זאָל איבעראַנדערשן די גאַנצע ביזאַהעריקע סטראַטעגיקע (sic!) און זיך צוווענדן מיט דער מלחמה אַ ביסל נענטער צום פּאַציפיק...

דאָ האָט מען זיך טאַקע באַלד און ערנסטלעך גע'מסחר'ט אין גאַנצע קאָנטינענטן און זיך לחלוטין ניט באַרופן אויף דעם „מלחמה־גורל"... אָט דאָס איז געווען אַ זאַפאַרטיקער מאָראַלישער אָפּרוף...

דריי מענטשן און — דריי מיליאָנען יידן!

פונדעסטוועגן איז ווידער די אייגענע מעשה.

ווי לאַנג דאָס אייגענע געוויסן איז ניט ריין, האָט מען ניט דעם קוראַזש און אפשר אויך ניט דאָס רעכט, האָט מען בכל אופן ניט די זיכערקייט, ניט דעם מאָראַלישן חוט השדרה, זיך מתווכח צו זיין מיט אַנדערע...

אונזער געוויסן איז אָבער לחלוטין ניט ריין!—

17

יידיש בלוט איז ביליקער

דער איידלער כלל פון אַ זאַפאַרטיקן מאָראַלישן אָפּרוף איז, ווי מיר האָבן פריער געוויזן, גאַנץ גוט באַקאַנט די גדולים און די שטאַטסמענער פון די פרייע שטאַטן און ס'קומט אפילו פאָר, אַז זיי האַלטן זיך אינעם כלל... אויב ס'האַנדלט זיך אָבער וועגן יידן, ווערט מיט אַמאָל אַלצדינק איבער־געביטן.

און אפילו דער ראש פֿון דער ענגלישער קירך, דער אַרצבישאָף, ד״ר זוויליאַם טעמפּלע, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן גרויס פֿאַרשטענדיקייט בנוגע דעם יידישן גורל און וואָס ער איז אַן אמת׳ער מבין אויף דעם, וואָס די פֿאַר־טיליגונג פֿונעם יידישן פֿאָלק, רחמנא לצלן, וואָלט באַטייט פֿאַר דעם כסא הכבוד און פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט, אפילו ער מאַכט אַן אויסנאַם, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן יידן. זיין אַפּעל וועגן זאָפּאַרטיקער הילף פֿאַר יידן איז היינט כמעט געוואָרן קלאַסיש. אין דעם אַפּעל האָט ער ניט געצייגערט צו דערקלערן, אַז פֿון דעם, פֿון דער באַציאונג פֿון די פֿעלקער צו די יידן איז אָפּהענגיק זייער באַציאונג צו גאָט, צו דער געשיכטע און צו דער מענטשהייט.

פֿונדעסטוועגן פֿאַרגעסט ער ניט צוצוגעבן, אַז די הילף דאַרף געגעבן ווערן נאָר „אויף ווי ווייט מיליטערישע און סטראַטעגישע איבערלייגונגען וועלן דאָס דערלאָזן״... ווי מען קאָן זען, איז דאָס פּונקט דער היפוך פֿון דעם, וואָס מר. קניקערבאָקער זאָגט מכוח דער גריכישער עקספּעדיציע...

יאָ, יידיש בלוט איז ביליקער...

אין דעם שייכות מוז מען אפשר אויך דערמאָנען, אַז מר. טשורטשיל, דער מאַן פֿון אונזער צייט, וואָס אויף אים רוט בלי שום ספק די השגחה פּרטית, אַז ער, וואָס האָט געפֿונען ווערטער פֿון טרייסט, אויפֿמונטערונג און האָפֿענונג פֿאַר אַלע אונטערדריקטע פֿעלקער, האָט אין זיינע וועלט־באַרימטע רעדעס כמעט ניט דערמאָנט די טראַגעדיע פֿון די מיליאָנען יידישע קרבנות, לכל הפּחות, ניט אויף אַן אופן, ווירדיק צו דער גרויסקייט פֿון דער קאַטאַס־טראָפֿע... אַז דאָס איז היינט ניט קיין פּאָפּולערע זאַך וואָלט פֿאַר אַ טשורטשיל ניט געווען קיין תירוץ. ער איז ניט קיין איבערגעשראָקענער און האָט ניט מורא פֿאַר קיין ״עפֿנטלעכער מיינונג״; ווייל ער איז דער מאַן, וואָס פֿון אים אַליין ווערט די „עפֿנטלעכע מיינונג״ געפֿאָרמעוועט...

ס׳קאָן זיין געמאָלט, אַז ער, ניט שטייענדיק אין קיין באַזונדערע באַציאונגען צו רעליגיעזע פֿראַגן, גיט זיך ניט אָפּ קיין דין וחשבון איבער דעם באַטייט פֿון דער גזירה פֿאַר דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער מענטש־הייט. אפשר ווייסט ער טאַקע ניט דערפֿאַר, וואָס פֿאַר אַן אחריות ענגלאַנד, די גייסטיק פֿירנדיקע מאַכט פֿון אונזער וועלט, נעמט אויף זיך אַרויף מיט דעם „פּאַסיוון צוזען זיך צו דעם פֿאַרברעך״...

ס׳קען אויך זיין, אַז ער, אויף זיין סאַנגווינישן אופן און אַריינגעטון ראשו ורובו אין זיין געוואַלדיקער אויפֿגאַבע, שטעלט זיך גאָר ניט אָפּ נענטער ביי דער יידישער פּראָבלעמע און אַז ער באַטראַכט זי פּשוט, ווי אַ חלק פֿונעם אַלגעמיינעם מלחמה גורל, אַז ער דערלויבט זיך גאָר ניט אַריינצוקלערן טיפֿער אין די נסתרות פֿון דעם ענין...

קיינער האָט אים אָבער ניט אָנגעוויזן אויף דעם באַזונדערן חשיבות פֿון דעם יידישן פֿאָלק פֿאַר דעם באַשטאַנד פֿון אַן עטישער וועלט, וואָס דער אַרצבישאָף האָט דאָס אַזוי בולט אַרויסגעזאָגט... און קיינער פֿון זיינע יידישע

פריינט, ניט דא, ניט אין אמעריקע, האט אים אויף דעם אויפמערקזאם גע־מאכט...

אגב אורחא איז דאס מער ווי כאראקטעריסטיש, דאס איז כמעט ניט צו פארשטיין, אז אפילו א מאן, ווי לארד וואנזיטארט, באנוצט זיך אין זיין קאמף קעגן די דייטשן ניט מיט דער הויפט־טענה, מיט דער הויפט־ראיה, וואס וואלט אים פארשפארט א יעדן, וויטערדיקן פלפול, מיט זייערע רציחות קעגן יידן...ער געפינט ארויס הונדערטער פון זייערע פארברעכנס און נאר דעם הויפט־עדות איז ער זיי כמעט מוחל...

משום אלע די דערשיינונגען ווערט מיט יעדן טאג שווערער און קאמ־פליצירטער בכלל צו ריידן וועגן יידן, ווייל אלע און מיר אליין האבן זיך פאמעלעך צוגעוויינט צו דער אויפפאסונג, אז יידיש בלוט איז הפקר!...

18

ווייכהארציק אכזריות

אין אונזער אייגענער, אין דער יידישער פרעסע פון דער פרייער וועלט, סיי אין די בלעטער, געשריבן אויף יידיש און העברעאיש, סיי אין יענע, גע־שריבן אין דער לאנדשפראך, האט זיך אויסגעארבעט, מיט געוויסע אויסנאמען, א באזונדערער שטייגער בנוגע צו דער גזירה.

דארט געפונען זיך אפילו יא באריכטן פון דער גזירה, פארשטייט זיך, אויפן צווייטן צי אפשר גאר אויפן דריטן פלאץ. ווייל קודם קומען די וועלט־געשעענישן און די מלחמה און זער חשוב'ע, לאקאל־פאליטישע הודעות, נו, און וויכטיקע קולטורעלע ידיעות, ווי יידיש טעאטער וכדומה, וכדומה...

אבער פארט ווערן אין די יידישע צייטונגען אלץ נאך אריינגעשטעלט א פאר גאטיצן, א פאר בשורות טובות אונזערע, ווי ראזשינקעלעך אין א קוכן, ווייזט אויס, פאר יענע יחידים אונטער די לייענער, וואס מיינען, ס'איז פארט א שטיקל חיוב, זיך צו לאזן געבן א קליינעם שטאך...

דאס גאנצע כמובן אן א שום פירוש, פון א גאנצן ארטיקל, צו גאר פון א לייטארטיקל שוין ניט צו שמועסן...

ווייל דאס אלץ טאר ניט גיין צו טיף אין טאר ניט גריכן צו ווייט און טאר זיך ניט ווייזן צו אפט... ווייל דער רוב פונעם פובליקום וויל דערפון ניט הערן און געדענקן און מ'וואלט פשוט נאך געקאנט אנווערן די לייענער און פארטרייבן, חלילה, די אבאנענטן...

און כאטש ס'איז אפילו שווער אפצושאצן, צי שרייבט די צייטונג דאס, וואס אירע לייענער ווילן הערן, צי הערן די לייענער דאס, וואס די צייטונג געפינט פאר פאסיק צו שרייבן, איינס איז זיכער.

זיכער איז, אַז אַזאַ באַריכט, אַזאַ בשורה רעה, אַרויסגענומען פונעם ים פון יידישע יסורים און אַוועקגעשטעלט ערגעץ אין אַ זייט, נאַקעט און בלויז און פרירנדיק, קאָן ניט געפינען דעם וועג צום יידישן האַרץ.

זיכער איז, אַז אַזאַ באַריכט, איבערגעלאָזט צו זיך אַליין, אַליין מיט אַלע ווייטיקן, וואָס באַהאַלטן זיך דאָרט, אַליין מיט די אומגעציילטע טראַגעדיעס, וואָס וואָלטן געקאָנט פאַרטראָגן אַ טויזנט שעקספּיר׳ס, מיט אכזריות׳ן, וואָס אַ מאַרקי דע סאַדע איז אַ פרום סידור׳ל אַנטקעגן דעם, איז ניט בכוח אויפצוּוועקן דאָס יידישע געפיל.

זיכער איז, אַז די אייזקאַלטע נאָטיצן אָן אַ באַגלייטנדיקן פירוש, אָן אַ וואַרעם וואָרט, אָן אַ שום רעפלעקס פון יידישן געפיל און נאָר אַרומגע־רינגעלט פון אַ פּאָר אַנדערע גלייכגילטיקע קאַלטע באַריכטן, אַז אַזאַ פאַר־יתומ׳טע בשורה ווירקט ווי אַן אויפגעדעקטע שאַנד, ווירקט כמעט אָבסצען, איז ווי אַ טרויעריקער סימבאָל פון אונזערע אומגליקלעכע יידישע שוועסטערס, וואָס דאָרט, אין דעם טויזנטפאַכן גיהנם ביי היטלערן, זענען זיי אויסגעליפערט דעם אונס דורך אַ חברותא פון פרעמדע, קאַלטע רוצחים... און אויב אַ יידי־שער רעדאַקטאָר האָט מיר דאָ אָנומעלט אָט די מדות פון דער יידישער פּרעסע אויסגעטייטשט און זיי דן געווען לכף זכות, בכן, די יידן האָבן , נעבעך, ווייכע הערצער און קענען זיך ניט צוהערן צו די שרעקלעכע פּרטים, איז דאָס נאָר אַ ווייטערער סימן פון דער ירידה פון אונזער מוסר, פון אונזערע מאָראַ־לישע אינסטינקטן, וואָס זייער פּלאַץ ווערט היינט איינגענומען פון דער מאָראַל פון „וואַרף אַרויס דעם אָרעמאַן, ער צערייסט מיר דאָס האַרץ" און וואָס זי איז, אין דער אמת׳ן, דאָס ערגסטע אכזריות...

19

גזירה און מלחמה גורל

אויב אָבער איינער פון אונזערע ווייכהאַרציקע רעדאַקטאָרן וועט מיך וועלן פרעגן, וואָס אייגנטלעך איז מיין תכלית און צי מיין איך אפשר, אַז

1. די בשורות פונעם יידישן גיהנם באַדאַרפן צו שטיין יעדן טאָג אויף דער ערשטער זייט, אַז
2. די געשעעענישן דאַרפן ווערן באַשריבן בדיוק און מיט פירושים און אין יעדן קלענסטן פּרט, אַז
3. יעדער לייטאַרטיקל און אַ יידישער צייטונג דאַרף האַנדלען, אָן אויס־נאַם, נאָר פון דער יידישער גזירה און אַז
4. די באַריכטן פון דער וועלט מלחמה דאַרפן דאָרט איינגעמען דעם צווייטן פּלאַץ.

ענטפער איך אים און דער גאנצער וועלט מיט א קלארן און בולט'ן און הויכן: יא! יא! און דריי מאל יא!

און איך גיי ווייטער און זאג, אז אויב ס'זאלן אפילו אויסברעכן נאך אייניקע מלחמות, אז אויב ס'זאל אפילו אויסברעכן א מלחמה מיט דעם שטערן מארס און פון דעם גלאבאלן קריג זאל ווערן אן אסטראלער, וואלט עס אלץ באדארפט צו זיין אזוי.

ווייל ס'איז ניט אמת, עס איז א ליגן, אז דער יידישער גורל איז א חלק פון דעם אלגעמיינעם מלחמה גורל! דאס שייכות איז נאר אין דעם, וואס צופעליק געפאלן זיי אין דער גלייכער צייט. אבער מיר זענען געלעגן מיט יארן צוריק אין די תפיסות און קאנצענטראציע־לאגערס, אונז האט מען באַראבעוועט און בא'גזל'ט און גע'רצח'ענט פולע פינף יאר פאר דעם אויסבראך פון דער מלחמה...

ווייל קעגן דעם יידישן צער, קעגן די געבערענטע לייד, קעגן די צרות צרורות, די יסורים און מאטערנישן — אפילו אין אונזער יידישן לשון איז ניט פאראן אווארט אויף אויסצושעפן דעם תוכן און די טיפקייט פון אונזער איצטיקער לאגע — ווייל פארגליכן מיט דעם יידישן גורל איז דער גורל פון די אומות העולם אין דער מלחמה — א קינדערשפיל.

> ווייל פאר דעם איכות פון דעם טויט פון איין דער'הרג'עטן יידישן נפש אין דעם שחיטה־הויז אין פוילן מוזן צוריקטרעטן און זיך פארנייגן די שאטנס פון מיליאנען, יא, מיליאנען טויטע, ניט אויף דעם אופן אומגעבראכטע...

און דאס רעד איך ניט אזוי אפשר דערפאר, ווייל איך האלט מיך מיט מיין פאלק גרעסער, צי בעסער, ווי אנדערע; פארקערט, איך בין אפילו שטארק מסופק אין דעם, וועמנס מאראלישער מצב איז אין אונזערע טעג און נאך אלעמען, א העכערער...

אבער ווער ס'פארמאגט נאר א סימן פון געפיל, נאר א לעצטן סלעך פון אינסטינקט, דער מוז פארשטיין, אז די יידישע טראגעדיע איז דערפאר א מיליאנענפאך גרעסערע, ווייל דער מאראלישער פארברעך, וואס ווערט דא באגאנגען, איז א מיליאנענפאך גרעסערער, ווייל דאס אכזריות'דיקע איכות פון דעם פארברעך איז א מיליאנענפאך ערגערס, אויב מ'שטעלט אים אנט־קעגן דעם טויט אויף א שלאכטפעלד, אין א מלחמה צווישן מענער...

מיר ווייסן דאך, און מיר יידן בפרט וואלטן געדארפט צו וויסן, אז ס'איז פאראן שטאפלען פון טויט, שטאפלען אין דעם איכות פון גע'הרג'עט ווערן... מיר וואלטן געדארפט צו וויסן, אז די פיר שטאפלען פון טויט אין אונזער אלטן בית־דין, אז סקילה, שרפה, הרג וחנק זענען אין אונזערע טעג פארמערט געווארן ביז צו אן אומענדלעכער צאל פון מיתות משונות...

20

דאָס איכות פון דער יידישער טראַגעדיע

איב אימיצער וועט מיר אָבער וועלן פּירהאַלטן, אַז ביי די אַנגריפן מיט באָמבעס איבער ענגלישע שטעט זענען אומגעקומען אַנדערע מענטשן אויכעט און רוקא ציוויל־פּאַרשוינען און ניט זעלנער און אַ סך פרויען און קינדער, אומשולדיקע קינדער, פּונקט ווי דאָרט, אין דעם שעכט־הויז אין פּוילן, וועל איך דערויף ענטפערן, אַז דער חילוק איז פּאָרט, ווי פון טאָג צו נאַכט.

און דער חילוק ליגט אין דעם, וואָס דאָ זענען די גע׳הרג׳עטע גע׳הרג׳עט געוואָרן פּלוצים און מיט אַמאָל. דאָ איז אפשר מיט אַ מינוט פריער, פאַרן טויט, ניט געווען די גרינגסטע השערה פון שטאַרבן, דאָ האָט מען מיט אַ רגע פריער געטאַנצט און געזונגען, ווי ס׳האָט ניט איינמאָל געטראָפן... דאָ זענען זיי ניט געווען פאַר׳משפט׳ע צו אַ זיכערן טויט און זיי זענען געשטאָרבן איין מאָל, נאָר איין מאָל...

דאָרט אָבער גייט מען אַנטקעגן אַ זיכערן טויט און מ׳ווייסט דערפון מיט חדשים פריער. דאָרט וואַרט מען אויף דעם רצחן, ווי אָקסן וואַרטן אויף זייער שוחט... נאָר, בשעת דעם וואַרטן, ווייסט מען אויף וואָס מ׳וואַרט, זעט מען זיך נאָך צו צו טויזנטער משונה שחיטות, שחיטות פון אייגענע קינדער, אייגענע טאַטע מאַמעס, אייגענע ברידער און שוועסטער, וואָס ס׳רוב מאָל מוז מען זיי נאָך אַליין מקבר זיין, פאַרשאַרן ערגעץ אין אַ וויסטן קבר...

דאָרט ווערט טאָג פאַר טאָג דורכגעלעבט אין אַן אומאויפהערלעכער גסיסה, אין אַן אייביקן פלאַטערדיקן פחד. דאָרט האַלט מען אין איין פאָכן מיט דער נשמה, לעבט מען, אַרומגענומען ענג פונעם שוואַרצן מלאך המות, וואָס ער טרעט ניט אָפּ אויף אַ רגע, לעבט מען אונטער דעם אייביקן שאָטן פון די ריזיקע פליגלען פונעם טויט!...

יאָ, זיי דאָרט לעבן מיטן טויט, זיי האַלטן אין איין שטאַרבן... זיי שטאַרבן יעדע שעה, קומען אום יעדע מינוט, גייען אויס יעדע רגע... זיי שטאַרבן טויזנט מאָל, זיי שטאַרבן מיליאָנען מאָל פאַר זייער לעצטן טויט!...

און דאָס איז דער ענטפער פאַר יענע, וואָס רעדן וועגן דעם יידישן „מלחמה־גורל”...

און מוזן מיר ניט אויך באַטראַכטן דעם סוף זייערן, נאָך דער מיתה? יענעם סוף, וואָס זיי קענען נעבעך, וואָס זיי האָבן אים געזען הונדערטער מאָל און וואָס ער איז שטענדיק פאַר זייערע פאַרשראָקענע אויגן, אין זייערע געמאַטערטע מוחות...

צו מוזן שטאַרבן, ניט באַקלאָגט און ניט באַוויינט פון קיינעם, נאָך דערצו מיט אַ געפיל, אַז ס׳איז ניטאָ קיין אָנגעמער פאַר זיי, און אַז קיינעם

אויף דער גאַנצער, ווייטער וועלט האַרט עס אפילו ניט; אַז זייער טויט איז ווייניקער אָנגעזען ווי די פּגירה פֿון אַ הונט... און לסוף, צו ווערן פֿאַרשאַרט אין אַ מאַסן־קבר, וואָס אויב מען זאָל אפילו נאָך האָבן אימעצען אויף דער וועלט, וועט ער אפילו ניט וויסן, ווי דאָס געשענדטע געביין רוט ערגעץ דאָרטן...

פֿון דעם אַלעמען אָבער צו וויסן, פֿאַר דער שחיטה — מוז דאָ ניט אַ פּשוט'ער טויט, אַ פּראָסטע שטאַרבן דורך אַ קויל אָדער אַ באָמבע, ניט פֿאַרקומען ווי אַ פֿריילעך פֿעסט...?

ווי טאָר מען אפילו נאָר טראַכטן דערפֿון, צו וועלן פֿאַרגלייכן דעם יידישן גורל מיט דעם גורל פֿון די אומות העולם, אויב זיי זאָלן אפילו דורכגיין די שווערסטע נסיונות...

ניין, דאָס טאָר מען בכלל ניט. און מיר בלייבן דאָס „אתה בחרתנו" פֿאָלק אויך אין דעם איכות פֿון אונזער מיתה!...

21

דער באַלאַנץ פֿונעם טויט

דאָס אַלץ האָבן מיר אָבער, ווייזט אויס, ניט געוואוסט.

און דערפֿאַר זענען מיר עד היום פֿאַרבייגעגאַנגען אָן דעם גורל פֿון אונזער אומגליקלעך פֿאָלק, ווי בלינדע בהמות און אָן אַ טיפֿערן וויסן פֿון דעם איכות פֿון זיין פּסק. עפּעס האָבן מיר געפֿילט, ס'איז פֿאַראַנען אַ חילוק צווישן אונזערע לייד און די ליידן פֿון זיי, אָבער, ניט דערגייענדיק דעם אמת'ן, טיפֿערן גרונט, האָבן מיר זיך געלאָזט פֿאַרלושען די קעפּ מיט פֿראַזעס פֿון „וועלט־אומגליק" און „מלחמה־גורל"...

דאָס — און נאָר דאָס — וואָלט געקענט זיין דער איינציקער פּירוש (און אפשר אפילו אַ שטיקל אַנטשולדיגונג), אויף דעם, וואָס מיר האָבן זיך אָפּגעווענדט פֿון דעם טויט־בעט פֿון אונזערע ברידער און שוועסטער...

ווייל הערנדיק און ניט פֿאַרשטייענדיק, הערנדיק און ניט פֿילנדיק, לכל הפּחות ניט פֿילנדיק געגוג שטאַרק, ניט בכוח זיך אַריינצולאָזן טיפֿער אין דעם איכות פֿון דעם באַזונדערן יידישן גורל, זענען אונז די בשורות, מיט דער צייט, נמאס געוואָרן, האָבן די שמועות באַקומען עפּעס אַ פּוסטן, בלעכערנעם קלאַנג, אָן קיין שום תוכן, אָן קיין שום באַטייט...

און אפילו דאָס איבער'חזר'ן יענע שרעקלעכע צאָלן, יענע וואָס אַמאָל מער וואַקסנדיקע סומע פֿון טויטע, יענע באַלאַנצן פֿונעם מלאך המות, זיי מאַכן אויך ניט מער קיין רושם אויף אונז, כאָטש אַזעלכס איז נאָך ניט דערהערט געוואָרן און שטייגט איבער אַלץ, וואָס האָט באַטראָפֿן אַנדערע...

ווייל קיין שום אומה האָט נאָך ניט פֿאַרלוירן דעם זעקסטן, צי גאָר דעם פֿינפֿטן טייל פֿון אַלע זיינע מענטשן...

ניין און נאָך אַמאָל ניין!
מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען.
מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען דאָס איכות פון דער קאַטאַסטראָפע.
מיר האָבן ניט געוואוסט, אַז מיר טאָרן ניט פאַרגלייכן. מיר האָבן ניט געוואוסט, אַז אין דעם טויט פון יעדן איינציקן פון אונזערע ברידער, אַז אין דעם טויט פון יעדער איינציקער פון אונזערע שוועסטער, אַז אין דעם טויט פון יעדן איינציקן יידישן קינד, יעדן אָרעמען יידישן עופה'לע זענען געווען אַנטהאַלטן אַ מיליאָן מיתות, איז געווען אָנגעזאַמעלט אַ מיליאָן גסיסות, אַ מיליאָן אוממענטשלעכקייטן, אַ מיליאָן רציחות, אַ מיליאָן קרבנות על קידוש השם...

22

דאָס טאָל פון טרערן

אויב מיר וואָלטן דאָס געהאַט געוואוסט און באמת פאַרשטאַנען, באמת, דאָס הייסט, ניט אויף אַן אויבערפלעכלעכן און טרוקענעם אופן, נאָר מיט אונזער גאַנצן חיות, מיט אונזער פלייש און בלוט, אין די טיפסטע טיפעניש פון אונזער נפש, דאַן איז ביי מיר קיין ספק ניט, אַז דאָס יידישע פאָלק, אַז יעדער, וואָס אין אים איז פאַראַן אַ פונק פון יידישקייט, וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון זיינע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער.

דאַן איז ביי מיר קיין ספק, אַז מיר וואָלטן אונז אַנטקעגנגעשטעלט דעם אומגליק מיט אָפענע אויגן און געקוקט אים גלייך אין פנים אַריין. מיר וואָלטן מוטיק אַריינגעקוקט אין זיין גרויליקן פרצוף אַריין און ניט זיך געפּרואווט, אים אויסצומיידן, צי אפשר גאַנץ צו פאַרגעסן...

מיר וואָלטן אַנטקעגנגעהאַלטן אונזער בוזעמעם קעגן די כוואַליעס פון צער, וואָס שטאַרעמען צו אונז אַריבער פון דאָרט, פון די ברעגעס פונעם פאַרשאָלטענעם גיהנם... מיר וואָלטן אונז אַריינגעוואָרפן אין דעם ים פון יסורים, דעם ים אָן אַ דנאָ און וואָלטן זיך געלאָזט דורכווייקן פון דעם אומענדלעכן ווייטיק, וואָס פליייצט דאָרט אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך...

מיר וואָלטן זיך משתתף געווען מיט די יסורים פון די אומגליקלעכע קרבנות און זיך, כאָטש במחשבה, געטיילט מיט זייער שרעקלעכן גורל...

דאָס אַלץ איז אָבער אונזער חיוב און, אין איין צייט, דער אומבאַדינגטער תנאי, דאָס איז דער ערשטער שריט, וואָס מוז ווערן געטון און וואָס קיין גאָט וועט אים אונז ניט שענקען...

ווייל נאָר פון דאַנען, אַרויס פון די טיפענישן פון אונזער צער, פון דעם אָפּגרונט פון אונזער רחמים, אַרויס פון דעם ים פון אונזערע טרערן, קען זיך באַווייזן די יבשה, קען זיך אויסאַרבעטן דער וועג, וואָס — כאָטש אפילו שפּעט, זער שפּעט, צו שפּעט — מוזן מיר אים פאָרט נאָך באַטרעטן...

23

אונטער דעם רושם פֿון חורבן

אונטערוואַרפֿן דאָס לעבן אונזערס אונטער אַט דעם רושם פֿונעם יידישן חורבן, איז אייגנטלעך דאָס איינציקע, וואָס מ׳וואָלט געדאַרפֿט היינט צו פֿאַרלאַנגען און געדאַרפֿט טראַכטן צו דערגרייכן.

ווייל מיט דעם וואָלט מען, שריט פֿאַר שריט, דערגרייכט אַלצדינג.

אונטער דעם שאָטן פֿון חורבן, ענג און אמת׳דיק פֿאַרבונדן מיט אַלע שטראָמען, מיט אַלע ימים פֿון יידישן צער, וואָלט די השפעה דערפֿון געווען אַזוי גרויס, אַז דערפֿון וואָלט זיך, ווי פֿון זיך אַליין, אויסגעאַרבעט אַ נייער וועג אין אונזער לעבן...

ווי פֿון אַליין וואָלטן אונזערע פֿיס געגאַנגען אַנדערע דרכים, וואָלטן אונזערע הענט געטון אַנדערע מעשים, וואָלטן אונזערע ליפּן גערעדט אַנדערע ווערטער...

פּאַמעלעך וואָלטן די הערצער אין אונז זיך איבערגעאַנדערשט, אונזערע נשמות וואָלטן זיך איבערגעביטן, מיר וואָלטן געוואָרן גאַנץ אַנדערע מענטשן, דאָס גאַנצע לעבן אונזערס וואָלט — פֿון דער מינוט אָן — באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים...

און אַט דער נייער מענטש, מיט דעם נייעם האַרץ און דער נייער נשמה, ער וואָלט צוגעטרעטן צו דער אויפֿגאַבע און צו דעם חיוב, וואָס זענען געוואָרן אַרויפֿגעלעגט אויף אונז דורך דער גזירה איבער דעם יידישן פֿאָלק!

מיר וואָלטן אָפּגעטון פֿון אונז דעם ביזאַהעריקן, באַקוועמען לעבנסשטייגער, מיר וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פֿון אונזערע טעגלעכע קליינע תאווה׳לעך און קליינלעכע אינטריגעס, (וואָס האָבן אַזאַ גרויסע השפעה אויף אונזערע מעשים און מחשבות), און מיר וואָלטן — פֿאַר אַלעמען — אויפֿגעהערט מיט דער קנאה שנאה צווישן די יידישע פּאַרטייען, לגבי דעם ריזיקן שאָטן פֿון טויט, וואָס הילט אונז אַלעמען איין, אָן שום אויסנאַם, און ניט אַכטנדיק צו וואָסער פּאַרטיי איינער רעכנט זיך...

מיר וואָלטן אָפּגעטון פֿון אונז דעם טעמנע שלאָף, מיר וואָלטן אונז אויפֿגעכאַפּט און דערקענט די וועלט, ווי זי איז היינט און ניט, ווי מיר ווילן, אַז זי זאָל זיין שפּעטער אַמאָל, צי ווי אונזערע פֿאַרשידענע מנהיגים און פּאָליטיקער און פּאַרטייען רעדן אונז איין, אַז זי וואָלט, על פּי יושר, באַדאַרפֿט צו זיין...

מיר וואָלטן דערקענט די געוואַלדיקע קאַטאַסטראָפֿע, וואָס איז לעת עתה שוין געשען און די שרעקלעכע סכנה, אין וועלכער מיר אַליין געפֿינען זיך און מיר וואָלטן ענדלעך פֿאַרשטאַנען, אַז לגבי אַזאַ קאַטאַסטראָפֿע און אַזאַ סכנה דאַרפֿן צוריקטרעטן אַלע אַנדערע אינטערעסן, סיי נאַציאָנאַלע, סיי וועלט־אינטערעסן, אָן שום אויסנאַם, ווייל ווען ניט, קאָן זיין געמאָלט, אַז ס׳וועלן

פֿאַרבלייבן די אינטערעסן און ס׳וועט ניט מער זיין קיין אינטערעסענטן, חלילה...

מיר וואָלטן דערקענט, אַז כדי צו פֿאַרמיידן וויטערע אָנשיקעניש, טאָר מען איצט נאָר עוסק זיין אין איין ענין, אין דעם נאָענטסטן און דערפֿאַר וויכטיקסטן ענין, דער סכנה פֿון דער יידישער גזירה.

און דאָס איז טאַקע איינער פֿון די טעמים פֿון יעדן גרויסן, היסטאָרישן איבערקערעניש, אַז מען איז דערביי געצוואונגען אַכטונג צו געבן אויף דער איצטיקער שעה און מען לערנט זיך אויס, אָפּצושאַצן און צו אַכטן דעם באַטייט און דעם ווערט פֿון יעדער איינציקער רגע...

24

דער „תכלית" פֿון טרויער

אויב די קאַטאַסטראָפֿע פֿונעם אויגנבליק, די געשעענישן פֿון דער שעה, די טראַגעדיע פֿון היינט, דאַרפֿן אונז אָנווייזן אונזער וועג, פֿאַרמעווען אונזערע דרכים, אויפֿבויען דעם בנין פֿון אונזער לעבן, דאַן איז קיין ספק, אַז דער מושל פֿון אונזער לעבן, אין די טעג, האָט דעם נאָמען: אבילות.

די ליידנשאַפֿט פֿון אבילות דאַרף צו זיין און איז היינט דאָס איינציקע, גרויסע, געוואַלדיקע ממשות, וואָס מיר קענען און פֿאַר וועמענס איבערשטייגנדיקן כוח ס׳מוזן צוריקווייכן און פּלאַץ מאַכן אַלע אַנדערע כוחות און שיטות...

אבילות איז דער אינערלעכער און אויסערלעכער ענטפֿער אויף אונזער נאַציאָנאַלן אומגליק, ניט קוקנדיק לכתחילה אויף קיין שום שפּעטערדיקער פּעולה און וואָס ס׳וואָלט אַרויסגעקומען פֿון אַזאַ מין אבילות, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער עולם פֿלעגט געוויינטלעך אָנצורופֿן אַ רעאַליסטישע, אַ ממשות׳דיקע פּעולה, תכלית!...

ווייל דערמיט פֿאַרהאַלט זיך עס גראָד פֿאַרקערט. ווייל דוקא אין דעם ניט־קוקן אויף שפּעטער, אין דעם ניט־קלערן אויף מאָרגן, אין דעם זיין־אָפּגעגעבן צום היינט, שטעקט דאָך דאָס אייגנטלעכע ממשות!

דערפֿאַר איז אונזער טרויער לכתחילה ניט איינגעענגט אין די ענגע גרענעצן פֿון קליינע, צי אפילו גרעסערע צילן... ער איז ניט פֿאַרגעשריבן לכתחילה קיין באַשטימטער וועג, ער האָט ניט קיין פֿעסטע פּראָגראַמעס, קיין געשריבן סטאַטוט.

אומגעקערט, ער איז דער פֿאַקט, וואָס אַליין שאַפֿט ער ערשט די צילן, איז ער גורם פּראָגראַמעס, באַצייכנט ער די וועגן פֿון די פּאָליטיקער און איז משפּיע די סטאַטוטן פֿון פּאַרטייען.

דערמיט ווערט אָבער, כמובן, ניט אָנגערירט דאָס אידעאַל און די אייגענע פּראָגראַמע פֿון אַ פּאַרטיי. יעדע פּאַרטיי, אַלס דער אויסדרוק פֿון די טענ־דענצן פֿון אַ געוויסן חלק פֿון אונזער פֿאָלק, האָט אין דעם אַליין איר באַ־טייט און איר באַרעכטיגונג.

אָבער פּונקט ווי בשעת אַ מלחמה אונטערוואַרפֿן זיך די פֿאַרשידענע פּאַרטייען פֿון אַ שטאַט דעם דחק פֿון דער שעה און פֿאַראייניקן זיך, גע־טריבן פֿון דער געמיינזאַמער סכנה און שטרעבנדיק צום גלייכן ציל, אַט אַזוי וועלן זיך די פֿאַרשידענע, יידישע פּאַרטייען פֿאַראייניקן אונטער דער שוואַרצער פֿאָן פֿון אַן אַלגעמיינעם, יידישן, נאַציאָנאַלן אבילות!

שטייענדיק אונטער דער שוואַרצער פֿאָן, וועלן זיי מוזן צוריקשטעלן אויף אַ ווייל זייערע אַרבעטן אינעם ראַם פֿון דער פּאַרטיי און זיך צוווענדן צו יענע אויפֿגאַבן, וואָס דערפֿון איז אָפּהענגיק אפילו, אַז זייערע פּאַרטייען זאָלן בלייבן לעבן און באַשטייען... און דאָס וועלן זיי, כמובן, גערן טון, ווייל דאָס איז אין זייער אייגענעם אינטערעס און, פֿאַר אַלעמען, אין דעם אינ־טערעס פֿונעם באַשטאַנד און פֿונעם כבוד פֿונעם יידישן פֿאָלק... זיי וועלן אפילו מוזן צוהעלפֿן, אַז דער שטראָם פֿון אבילות זאָל זיך קענען לייכטער דורברעכן זיין וועג, אויסבויען זיין בעט, דורך וועלכן ער וועט זיך ציען מיט אַ רייסנדיקן אימפּעט, פֿון קיינעם און פֿון גאָר ניט אויפֿצוהאַלטן...

25

א „פּראָגראַמע" פֿון אבילות

אויב מען איז נאָר אַ ביסל באַקאַנט אין דעם מעכאַניזם פֿון אונזער מאָ־דערנעם, גייסטיקן לעבן, קען מען זיך געוויס דערוואַרטן אַ שטיקל אָנצו־הערעניש אויף אַזאַ מין „פּראָגראַמע" פֿון טרויער...

מען קען זיך כמעט אויסרעכענען, ווי יענער געוויסער סאָרט אַקאַדעמישע אינטעליגענציע, מיט זיין שטענדיק צוגעגרייטער, פֿלינקער לאָגיקע, וועט אייך — אויפֿן אָרט — באַווייזן, אַז אַזאַ פּראָגראַמע איז ניט „פּאָזיטיוו", אַז להיפּוך, טרויער, אבילות איז עפּעס נעגאַטיווס, און אַ פֿאָלק, דאָס לעבן פֿון אַ פֿאָלק קען ניט ווערן באַשטימט פֿון אַ נעגאַטיווער אידייע, פֿון אַ ניט פּאָזיטיווער פּראָגראַמע, בקיצור, אַז פֿון טרויער קען מען ניט לעבן...

ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס לעבן פֿון אַ פֿאָלק קען ניט באַשטיין נאָר פֿון טרויער אַליין און אַז מ'לעגט ניט אַרויף אויף קהל מער, ווי קהל קען אויסהאַלטן...

אָבער אויב מען מוז אפילו צוגעבן, אַז אַזאַ פּראָגראַמע פֿון טרויער איז לחלוטין ניט פֿריילעך, טאָר מען אָבער, פֿון דער אַנדערער זייט ניט פֿאַרגעסן,

אז די פאַקטן, וואָס האָבן צוגעפירט צו דעם מצב, זענען אויך ניט געווען קיין זער פרייליכע... און פאַקטן פאַרמעוועו די פראָגראַמעס, ניט אומ־געקערט...

אָבער מען מוז אויך פאַרשטיין, אַז אַזאַ היסטאָרישע קאַטאַסטראָפע קען ניט און טאָר ניט בלייבן אָן אַ טיפן רושם אויף דער נשמה פונעם פאָלק און אויף זיין גאַנצער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג, בפרט, אויב מען נעמט אָן, אַז היסטאָרישע געשעענישן פון אַזאַ מאָס זענען ניט קיין צופעליקע טרעפע־נישן, נאָר אַז זיי אַנטוויקלען זיך לויט היסטאָרישע געזעצן, וואָס האָבן זייערע סבות, זייערע טעמים און זייער תכלית...

דערפאַר אַליין שוין וואָלט מען זיך ניט געטאָרט אָפּקערן פון דער דאָזיקער טראַגעדיע, נאָר מען מוז זי אַריינרעכענען, אַלס אַ פאַקט, אין די געמאַרקן פון דער פאָלקס־נשמה, זי א י י נ ב ו י ע ן , א י ן ד ע ם ב נ י ן פון אונזער פ אָ ל ק ס ־ ל ע ב ן .

איז אָבער דאָס, וואָס מיר זאָגן דאָ, עפּעס נייס? זענען מיר ניט באַקאַנט מ י ט א ַ ז אַ מ י ן א ב י ל ו ת , וואָס זאָל באַלייטן אונזער לעבן, דאָס לעבן פון אונזער פאָלק אויף זיין וועג דורך די יאָרהונדערטער, דורך דעם איי־ביקן טרויער־שפּיל פון אונזער געשיכטע?

איז ניט ביז אַהער אונזער גאַנץ לעבן, אונזער געשיכטע, אונזער גאַנצע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ געוואָרן אויפגעבויט און געפאַרמעוועט אויף דעם יסוד פון יענע גרויסע היסטאָרישע איבערלעבונגען, וואָס אינדערהויפּט זענען זיי געווען, ביי אונז, שווערע נאַציאָנאַלע גזירות?...

דאָ איז ניט די פראַגע, צו זענען די היסטאָרישע איבערלעבונגען געווען אַנגענעמע און פרייליכע, צי ניט. דאָ האָט מען ניט קיין ברירה. דאָ שטייט מען פאַר אַן אַלגעמיינעם היסטאָרישן כלל, וואָס איז גילטיק פאַר אַלע אומות העולם, דעם כלל, אַז היסטאָרישע פאַקטן, היסטאָרישע נייטיגקייטן קען מען ניט איינפאַך אויסמעקן אָדער פאַרגעסן, נאָר אַז זיי זענען — גוט צו שלעכט — אַן אייביקער באַזיץ, וואָס מען קען אים ניט פּטר'ן...

און ווייל דער רוב פון אונזערע איבערלעבונגען זענען געווען נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס, ווייל אונזער ביזאַהעריקע געשיכטע איז אַ געשיכטע פון לייד, איז לייד, איז אבילות געווען דער פאַקטאָר, וואָס האָט געפאַרמעוועט אונזער לעבן...

עס קאָן זיין, אַז אַזאַ פאַקטאָר וואָלט געווען דער טויט פאַר אַנדערע פעלקער...

דאָס נאַציאָנאַלע גאונות פונעם יידישן פאָלק האָט אָבער פאַרשטאַנען צו מאַכן פון אבילות אַ כלי־זין, מיט וועלכן ס'האָט געקעמפט, כדי צו ראַטעווען און צו דערהאַלטן דאָס לעבן און דעם ווייטערן קיום פון אונזער אומה...

26

אבילות — א רעאַלער פאקטאר

אַז אבילות איז בכלל אַ וויכטיקער, רעאַלער פֿאַקטאָר אינעם מענטשלעכן לעבן, קען מען זיך לייכט אָפּלערנען פֿון אַן אַלטעגלעכער פּטירה, לא עליכם.

אויב ס׳שטאַרבט אימיצער אַוועק פֿון אַ משפּחה טרעטן צוריק — אין די טעג פֿון שבעה — אַלע אַנדערע אינטערעסן און געשעפֿטן און צילן און פּראָגראַמען און תכליתים, ווייל דער פֿאַקט פֿונעם אָפּשטאַרבן, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין לעבן, איז — לכתחילה — שטאַרקער, איז וויכטיקער, איז נענטער פֿון אַלע אַנדערע אַלטעגלעכע און וויכטיקע פֿאַקטן. — זיין ממשות, דאָס ממשות פֿון אבילות איז דער מושל איבער יענע טעג, וואָס זענען צוגעפּאַסט צו די באַדערפֿענישן פֿון דער לעבעדיקער, מענטשלעכער נשמה און אַזוי אַרום זענען זיי געוואָרן אַ חיוב, אַ דין, אַ קאַפּיטל פֿונעם שולחן־ערוך, וואָס פֿלעגט פֿריער אַמאָל צו באַשטימען די פֿאָרמען און דעם תוכן פֿונעם יידישן לעבן.

ערשט נאָכדעם האָט מען ווידער אויפֿגענומען דעם געוויינטלעכן וועג פֿון לעבן, איינשליסנדיק אין אים דעם פֿאַקט פֿון דער פּטירה, די גרעסערע אָדער גרינגערע השפּעה, וואָס ער האָט געהאַט אויף דעם לעבן פֿון דער משפּחה.

אַט דעם חיוב אונטערוואַרפֿן זיך ביזן היינטיקן טאָג פֿרומע — און מאָדערנערע יידן, ווייל פֿאַר דעם מלאך־המות זענען מיר אַלע אַ ביסל קאָנסערוואַטיוו...

אויב עס שטאַרבט אָבער אימיצער אַוועק, וואָס איז געווען צו איינעם באַזונדערס נאָענט, באַזונדערס טייער, וואָס האָט געהאַט אַ באַזונדערן באַטייט אין זיין לעבן, אויב ס׳שטאַרבט, למשל, אַ געליבטע פֿרוי, אַ פֿאַרערטער חבר, דאַן קאָן אַזאַ טויט אָנמאַכן אַ גרעסערן רושם, האָבן אַ השפּעה לאַנג, לאַנג נאָך דעם טרעפֿעניש... אַזאַ טויט קען פֿאַרענדערן דעם גאַנצן לעבנס־שטייגער, דעם גאַנצן לעבנס־בנין פֿון דעם באַשטימטן יחיד, קען אים אַרויפֿפֿירן אויף אַ גאַנץ אַנדערן, נייעם וועג, צו אַנדערע מנהגים, צוגעפּאַסט צום באַטייט און צום חשיבות פֿונעם פֿאַרלוסט, וואָס ער האָט געהאַט...

ביי דעם אַלעמען איז ניטאָ קיין פֿראַגע פֿון „נוצן"... דאָס איז אַ פֿאַקט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין לעבן, אַ נויטווענדיגקייט, וואָס מ׳קען פֿאַר איר ניט אויסווייכן...

אודאי מעג מען האָבן בטחון, אַז ווייל די מענטשלעכע טבע שטרעבט ניט צו זאַכן, וואָס זאָלן זיין איר אַנטקעגן, וואָס זאָלן איר שאַטן, אַז דערפֿאַר

וועט אין דעם אריינגעמען דעם פֿאַקט אין לעבן אריין, אין דעם זיך רעכענען מיט דעם פֿאַקט, זיכער זיין אויך עפּעס נוצלעכס...

אָבער לכתחילה העלפֿט ניט קיין איבערקלערן, לכתחילה מוז מען טון זיין חיוב...

ס'איז אָבער זיכערלעך קיין ספק, אַז יעדער איינצלנער און יעדע איינצלנע פֿון אונזערע קרבנות על קידוש השם זענען טייער צו אונזערע הערצער, צו די הערצער פֿונעם יידישן פֿאָלק. זיי זענען געליבט און וועלן זיין אייביק געליבט פֿון אונז. זיי זענען פֿאַר אונז, פֿאַר יעדן איינעם פֿון אונז — דאָס אייגענע קינד, די אייגענע טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, זיי זענען די געליבטע פֿרוי, דער פֿאַרערטער חבר...

27

אקטיוו אבילות

איך בין מיר באַוואוסט, אַז מיט דעם שמועסן פֿון דעם נוצן, צי בכלל פֿון דער פּעולה פֿון אַזאַ מענטשלעכער, נאַטירלעכער, כמעט וואָלט מען געקענט זאָגן, אַנימאַלישער זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט (וואָס אין איין צייט איז זי געווען אַ מאָראַלישער חיוב), ווי זיך אָפּצורופֿן אויף אונזער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפֿע, באַגייט מען אַן עוולה קעגן דעם אבסאָלוטן, מאָראַלישן התחיבות, צו רעאַגירן.

דאָס געשעט נאָר צוליב יענע, וואָס זענען גאָר ניט בכוח צו קלערן אין אַ זאַך, ניט פֿאַרבינדנדיק דערמיט דעם סוחר'ישן באַגריף: נוצן...

יאָ, אבילות קען נוצן, קען העלפֿן...

און ס'איז, לעת עתה, אפילו אונזער איינציק כלי־זין, דער ערשטער תנאי, סיי אונז אויפֿצוטרייסלען צו מעשים פֿאַר דעם שארית הפליטה אויף דער אנדערער זייט, סיי צו פֿאַרהיילן די שרעקלעכע וואונדן, וואָס מ'האָט אָנגעטון צו דעם יידישן פֿאָלקס־קערפּער... פֿאַר אַ ראיה מעג דינען אונזער געשיכטע.

מיר טראַכטן דערביי ניט נאָר אָן די טעג פֿון אונזערע תעניתים, ווי שבעה עשר בתמוז און תשעה באב, וואָס דאָס זענען תעניתים משום גרויסע נאַציאָנאַלע אומגליקן, כמובן פֿאַרבונדן און אין ענגן שייכות מיט דעם יסוד פֿון אונזער יידישער, נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ — מיט יידישן מוסר און מיט יידישער אמונה.

אָבער ניט נאָר אין פֿאַראיינצלטע טעג האָבן מיר אויפֿגעפֿרישט אונזער געדעכעניש און געהאַלטן לעבעדיק אונזערע געפֿילן פֿאַר אונזער פֿאַרגאַנגענהייט און די בענקשאַפֿט נאָך אונזער צוקונפֿט. די טרויער איז אַריינגעדרונגען, אַלס אַ רעאַלער פֿאַקטאָר, טיף אין אונזער טעג־

לעבן אריין, זי האָט באַשטימט אונזער ליטעראַטור, אונזערע פֿאָלקס־מנהגים, אונזער גאַנצן לעבנס־שטייגער...

אַ יידיש שפּריכוואָרט אילוסטרירט בולט אָט די השפּעה: „זינט דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן, קען קיין שמחה ניט פֿול זיין" הייסט עס. — און די מימרא פֿון דער גמרא, וואָס פֿון איר נעמט זיך דאָס ווערטל, ווייזט אונז, אויף ווי ווייט די השפּעה דאַרף גרייכן.—

איך ציטיר די יידישע איבערזעצונג פֿון דעם ספר „תלמודישע עלעמענטן אינ'ם יידישן שפּריכוואָרט" פֿון מיין פֿאָטער, רב ליבל טויבש, ז"ל. דאָרט הייסט עס צום סוף:—

„זאָגט ווייטער רבי יהושע: קינדער! אָט וועל איך אייך זאָגן: גאָר ניט צו טרויערן אויפֿן חורבן — דאָס ניט. צופֿיל טרויערן — איז ניט מעגלעך, מ'קען ניט אַרויפֿלעגן אויפֿן עולם קיין לאַסטן, וואָס זיי קענען ניט דערטראָגן. וואָסזשע דען? ביי איטלעכער שמחה אַ סימן פֿון טרויער. מאָלט מען די שטוב, זאָל מען לאָזן אַ שטיקל ליידיק; גרייט מען צו אַ סעודה, זאָל איין מאכל צוריקבלייבן; טוט אַ פֿרוי אָן אַ צירונג, זאָל זי איבערלאָזן אַ קלייניגקייט; אפילו אַ חתן ביי דער חופּה לעגט אַרויף אַ ביסל אַש אויפֿן קאָפּ — אַזוי ווי ס'שטייט געשריבן (תהלים קל"ז): „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני..."

און אין דעם ליגט טאַקע דער הויפּט־ענטפֿער צו אונזערע רעאַליסטן, וואָס איילן זיך, צו זען דעם נוצן... ווייל אין דעם שטעקט אַ גרויסער נוצן, אַ געוואַלדיקער אויפֿטו! דאָ האָט זיך באַוויזן, כאָטש ס'איז שוין געווען אחר המעשה, אַז אבילות קען זיין און איז אַ גרויסער באַלעבנדיקער און שאַפֿנדיקער כוח, אַ פּאָזיטיווער, אַקטיווער כוח, אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר אין דעם לעבן פֿון דעם יידישן פֿאָלק!—

דאָס נאַציאָנאַלע אבילות נאָכן חורבן בית המקדש האָט דערהאַלטן אונזער שייכות מיט דער געשיכטע, די בענקשאַפֿט נאָך דער תחיה פֿון אונזער פֿאָלק, נאָך דעם אויפֿבוי פֿון אונזער הייליקן לאַנד, פֿון ירושלים און דעם בית־המקדש, ביז אויפֿן היינטיקן טאָג און לעתיד לבוא...

דאָס איצטיקע אומגליק איז אָבער אַ גרעסערס ווי דער חורבן בית המקדש...

דעמאָלט האָבן מיר, בשעת דער באַלאַגערונג, נאָך געהאַט וואָפֿן און האָבן זיך געקאָנט פֿאַרטיידיקן... און נאָך דעם חורבן האָבן מיר געהאַט מענער, מיט אַ חוש פֿאַר די אמת'ע ווערטן פֿון דעם יידישן פֿאָלק, מענער וואָס האָבן געטראַכט, קודם כל צו ראַטעווען די תורה, דאָס לערנען, דעם גייסטיקן רעזערוואואַר, וואָס האָט געשפּייזט אונזער פֿאָלק און עס דערהאַלטן ביים לעבן...

היינט האָבן מיר קיינע כלי־זין, אונז צו פֿאַרטיידיקן, היינט איז געבליבן ווייניק, זער ווייניק תורה ביים יידישן פֿאָלק, יענע תורה, וואָס זאָל זיין אַ

לעבעדיקע, פּרוכפּערדיקע קראַפט און ניט נאָר אַ געלעגנהייט פאַר פשטל־זאָגער, „ביבל־קריטיקער" און פלפּוליסטיישע חכמה׳לעך...

היינט איז באמת ניט מער געבליבן, ווי צו פאַרגיסן טרערן פאַר אונזער אומגליקלעך פאָלק, טרערן — און האָפענונג, אַז פון די טרערן זאָל געבוירן ווערן דער גייסט פון אונזער באַלדיקער גאולה...

28

דער כלל פונעם באוואָרעניש פון ענערגיע...

אויב דאָס איז אָבער ניט פאַר אייך, (צי ניט געגוג פאַר אייך), אויב ס׳שמעקט צו פיל מיט גמרא און מוסר ספרים, אויב מ׳דאַרף אַ ביסל חקירה, כדי בעסער צו פאַרדייען, אַ ביסל מאָדערנע פילאָזאָפיע, כדי ס׳זאָל ווערן חשובער, קען מען אפשר, פון דער זייט, אויך עפּעס דערמאָנען, וואָס זאָל ווייזן, אַז מיר זענען מיט אונזער סברא גאָר ניט ווייט, ניט נור צו מעטאַ־פיזיקע, נאָר אפילו צו וויסנשאַפט גופא, אפילו צו פיזיקע בכבודה ובעצמה אליין...

אַ יעדער קען דעם כלל פון פיזיקע, וואָס ווערט אָנגערופן „דער כלל פונעם באוואָרעניש פון ענערגיע" און וואָס ער ווערט באַטראַכט אַלס דער יסוד, דער פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ פון מאָדערנער פיזיקע.

לויט דעם כלל גייט ניט קיין שום כוח, קיין שום „ענערגיע", וואָס געפינט זיך אין דעם עולם ומלואו — לאבוד. אַזוי ווי אַלצדינג, וואָס געפינט זיך דאָ, איז אָבער אָנגעזעען פאַר כוח, אַזוי ווי די קלענסטע חלקים פון ענערגיע, וואָס די עלטערע פיזיקע פלעגט אָנרופן אַטאָמען און וואָס היינט הייסן זיי עלעקטראָנען, ווייל מ׳ווייסט, אַז זיי זענען, אָן אויסנאַם, אָנגעלאָדן מיט נעגאַטיווער עלעקטריציטעט, ווייל אפילו די אַזוי אָנגערופענע יאָנען, די קלענ־סטע ברעקלעך, וואָס פאַלן אַוועק, אויב מ׳צעשמעטערט אַ סובסטאַנץ דורך אַן עלעקטרישן שטראָם, בלייבן ווייטער עלעקטריזירטע חלקים׳לעך — גייט בכלל קיין שום זאַך ניט לאבוד...

קיין שום זאַך ווערט ניט אינגאַנצן פאַרשוואונדן, קיין שום זאַך ניט אינגאַנצן אויסגעמעקט. זיי פאַרלירן אפשר זייערע פריערדיקע פאָרמעס, זיי פאַרבייטן זייערע צורות אויף אַנדערע צורות, די „ענערגישע" כוחות פאַר־ענדערן זייערע דרכים, זייער ריכטונג, אָבער זיי זענען דאָ, זיי זענען פאַראַנען, זיי מאַכן אַ רושם, זיי האָבן אַן השפעה, זיי פּועל׳ן עפּעס...

צי איר נעמט דערביי אָן, ווי דער אפּיקורוס וויל, אַז דער כוח פון געפיל, צי דער אימפּעט פון אַ מחשבה איז נאָר דער רעזולטאַט פון אַ צופעליקער בעמישער רעאַקציע, צי איר נעמט אָן, ווי דער מאמין וויל, אַז זיי זענען דער

סך־הכל פון דעם שכל׳דיקן כוח פון אונזער אייביקער נשמה — עס בלייבט דערביי, דער כוח גייט ניט לאבוד...

29

דער כלל פונעם באוואָרעניש פון מאָראַלישער ענערגיע

און אַלע טרערן, וואָס איר האָט פאַרגאָסן איבער אייערע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער, זיי זענען ניט אומזיסט געפלאָסן... און אַלע זיפצן, וואָס זענען אַפּירגעקומען פון אייערע פאַרווייטיקטע הערצער, זיי זענען ניט געווען אומזיסט... און אייערע טעג, פאַרבראַכט אין עגמת־נפש און אייערע נעכט — אָן שלאָף און אייערע עינויים און אייערע תעניתים און אייער צער און אייער טרויער, זיי זענען לעבעדיקע כוחות, וואָס ווערן ניט פאַרשוואונדן. זיי זענען אייביקע ענערגיעס, וואָס קענען קיינמאָל ניט ווערן אויסגעמעקט. פאַרקערט, זיי האַלטן אין איין אויפטון, זיי מאַכן אַ רושם, זיי האָבן אַ פעולה...

אויב אָבער דער איינגעעקשנטער אַפּיקורוס, וואָס געוויינטלעך פאַרמאָגט ער ניט פאַר אַ גראָשן פאַנטאַזיע, אויב ער וועט זיך וועלן מיט מיר מפלפל זיין און קריגן אויף דעם, ווי אַהין יענע פעולה ציט זיך, ווייל מ׳קאָן דאָך ניט וויסן „מיטן שכל" פאַר זיכער, צי וועלן די „ענערגיישע שטראַלן" צוקומען גראָד אַהין, ווי מיר וואָלטן געוואָלט, אַז זיי זאָלן פליען, צו אונזערע טייערע, אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער, קען מען אים דערויף אויך נאָך געבן אַן ענטפער, פון זיין שטאַנדפּונקט אַפילו...

מ׳קען אים זאָגן, אַז אַפילו ער, אויף זיין אַטעאיסטישן מצב, וואָס ער איז מסופק, צי ער לייקענט אינגאַנצן אין אַ באַוואוסטן (און דאָס הייסט פערזענלעכן) מאָראַלישן כוח, וואָס זאָל פירן און קערעווען די פאַרשידענע שיטות פון ענערגיע, אויך ע ר מוז צוגעבן, אַז בכל אופן איז דאָ מער מעגלעכקייטן, אַז די שטראַלן פון אונזער סימפּאַטישער ענערגיע זאָלן דערגרייכן די אומגליקלעכע, אויב זיי זענען בכלל פאַראַנען, ווי ווען ס׳וואָלט זיך איבערהויפּט ניט באַוויזן קיין סימן פון סימפּאַטיע...

אָבער מ׳קען אָנווייזן אויף אַ וויכטיקערע דערשיינונג. מ׳קען אָנווייזן אויף יענע מאָדערנע פאָרשונגען אויף דעם פעלד פון „טעלעפּאַטיע" און פון „היפּנאָזע פון דער ווייטנס" וואָס זענען היינט אָנגענומען, אין אַ גרויסער מאָס, פאַר וויסנשאַפטלעכע צווייגן...

איך געדענק בשום אופן ניט מיך אָפּצושטעלן דאָ ביי די דערמאָנטע וויסנשאַפטלעכע שיטות. איך בין אויך ניט ראוי אויפצוטרעטן אַלס אַן עדות פאַר זייער וויסנשאַפטלעכן ווערט. אין וואָס מיר גייט דערביי, אויב איך דערמאָן זיי בכלל, איז נאָר, צו ווייזן אונזערע היציקע אַפּיקורסים׳לעך, פאַר

געוויינטלעך אמאָליקע אַנטלאָפענע ישיבה־בחורים אָדער פריש־געבאַקענע דאָקטוירימלעך, צו ווייזן אונזערע אַטעאיסטן, מיט צי אָן דאָקטאָראַט, אַז, על כל פנים, איז דער מאָדערנער, אייראָפּעישער גייסט בכלל ניט אָפּגעניייגט אָנצונעמען, אַז די אינטענזיטעט פון אונזערע געפילן, אַז דער דרך פון די שטראַלן פון אונזערע געדאַנקען, אַז דער קאָנצענטרירטער כוח, די ענערגיע פון אונזער נשמה (און מער נאָך פון אַ חברה פון נשמות) קען האָבן אַ גרויסע השפעה אויף מענטשן און זאַכן און געשעענישן, וואָס זענען ווייט, ווייט פון אונז...

30

אלט־נייע אמת׳ן

ס׳איז אודאי טרויעריק, אַז רעדנדיק צו יידן, דאַרף מען זיך באַנוצן היינט מיט אַזעלכע משלים, כדי צו דערוועקן דעם שלאָפנדיקן כוח פון אַ מאָראַלישן חיוב, צי אפשר אפילו כדי בכלל צו ווערן פאַרשטאַנען, בעת יעדער פּראָסטער ייד, יעדער פאַרצייטישער חסיד, האָט עס שוין לאַנג געוואוסט, אַז די וועלט איז אַ מאָראַלישער בנין און אַז דאָרט ראַנגלען זיך פאַרשידענע מאָראַלישע שיטות און כוחות, „ענערגיעס", איינע מיט דער אַנדערער...

ער האָט געוואוסט פון דעם שער־הדמעות, וואָס איז שטענדיק אָפן, אפילו ווען די שערי־תפלה זענען צו, דאָס הייסט, אַז טרערן, אַז אַ טיפערע עמאָציע, די טרערן פון אַן אמת׳ן עגמת־נפש זענען שטאַרקער פון אַ טרוקענער תפלה און זענען קיינמאָל ניט אומזיסט... דאָרט, ווי ס׳איז נאָך פאַראַנען דער כוח פון הרגשה, וואָס זאָל פאַרמאָגן טרערן, דאָרט איז אַלץ נאָך פאַראַנען האָפענונג... ער האָט געוואוסט, אַז ניט נאָר אַ שטיינדל, צי אַ שטיקל ערד פאַרלירט זיך ניט אָן אַ שפור, ער האָט געוואוסט, אַז די קלענסטע מחשבה אפילו גייט ניט לאבוד...

יעדער ייד האָט שוין מיט טויזנטער יאָר צוריק געוואוסט, וואָס מיר האָבן פאַרגעסן אָדער פאַרוואָרפן, ער האָט געוואוסט פון „פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו", פון מצוות און עבירות, פון גוט און שלעכט, פון שכר און שטראָף, ער האָט, מיט איין וואָרט, געקענט דעם כלל פונעם באַוואָרעניש פון מאָראַלישער ענערגיע...

אגב אורחא ווערן די אַלע באַגריפן, ווערט אמונה ווידער מאָדערן...

דאָס גרויסע ענגלאַנד האָט זיך פאַר „זיין „יציאת דונקירק" אַנידער־געוואָרפן בפרהסיא פאַרן בורא עולם און געטון תפילה... אָבער היינט מאַכט אפילו רוסלאַנד ווידער אויף זיינע צערקווען, כדי דאָס העלדישע און פאַר־שריטלעכע רוסישע פאָלק זאָל זיין ביכולת, צו ענטפערן אַ טיפן באַדערפעניש פון זיין נשמה. און — דיאַלעקטיקע אַהין, דיאַלעקטיקע אַהער — דאָ ווערט

עס ניט איינגעשפאנט דער רבונו של עולם נאר לעת עתה פארן וואגן פון דער סאוויעטיסטישער פאליטיק. מ'ווייס, אז דא האנדלט זיך ניט וועגן א דיאלעקטישן דריי, נאר אז דאס איז דער ערנסטער באגער פון דער רוסישער פאלקס־נשמה... און אונזערע אטעאיסטישע ישיבה־בחורים מוזן זיך צואיילן, אויב זיי ווילן האלטן שריט מיט דער צייט, און אויסטון די אטעאיסטישע פראזעס פון פאר פופציק יאר... דאס איז ניט מער מאדערן און זיי האלטן דערמיט נאך ביי דער אטעאיסטישער בית־המדרש באנק...

31

די מאראלישע ירידה

דער אומשטאנד, וואס מיר האבן זיך ניט אפגערופן תיכף ומיד און מיט אונזער גאנצן חיות אויף דעם אומגליק פון אונזערע ברידער און שוועסטער, וואס מיר האבן ניט מקריב געווען אלע אונזערע כוחות און מחשבות און דעם תוכן פון אונזער לעבן צוליב דעם הייליקן חיוב, זיי צו העלפן, דאס האט געהאט א באזונדערן רושם אויף דעם מאראלישן מצב פונעם יידישן פאלק אין די פרייע מדינות...

ווייל צו לעבן אויף דעמזעלבן שטייגער און נאך דעם גלייכן סדר, ווי פריער, פאר דער גזירה, בעת מען איז זיך באוואוסט, וואס אין דער גלייכער צייט, אין דער גלייכער שעה, שפילט זיך אפ דארט, אין דעם שעכט־הויז אין פוילן און אין רוסלאנד, דאס האט ארויפגעבראכט א מין זיך־מיאוסן פאר זיך אליין, דאס האט צוגעפירט צו אן אינערלעכער צעריסנקייט, וואס מוז צעשפאלטן דעם מענטשלעכן כאראקטער און שטעלן די פאלקס־נשמה פאר גאר גרויסע סכנות...

עוסק צו זיין אויף דעם גלייכן אופן, ווי פריער, אין זיינע געשעפטן און אין זיין פארטיי, צו עסן און צו טרינקן און צו שלאפן, ווי פריער, אן א שום באקלער, אן א שום אריענטירונג פון דער זייט פון אונזערע פארטייען און מנהיגים, אן א זכר לחורבן אפילו, דאס מוז פירן צו א טרויעריקן פארשטומ־פיקן די חושים, צו א ברוטאלן פארהארטעווען דעם יידישן גייסט, צו א געפערלעכער דעמאראליזאציע פונעם גאנצן יידישן פאלקס־כאראקטער...

ביי אונזער ענגער קרובה'שאפט, סיי פערזענלעכע, סיי נאציאנאלע, צו זיי, וואס פירן איצט א לעבן פון מאטערניש און יסורים אן א הפסקה, מוז פאר אונז נמאס ווערן אלצדינג, אין וואס מיר זענען עוסק, ווייל עס שטייט ניט אין קיין פארהעלטעניש צו דעם, וואס גו־טיקט זיך...

דערפאר פילן מיר, אז מיט יעדן טאג, וואס פארגייט און וואס ער נעמט צו, פרעסט אויף ווייטערע, אומגעציילטע, יידישע קרבנות, וואקסט

אונזער שולד, פֿאַרגרעסערט זיך אונזער עוולה, ווערט זי שליסלעך אַזוי גרויס, אַז מיר מוזן זיך מיאוס זיין, צי וועלן מיר בכלל נאָך אַמאָל זיין בכוח, זי אָפּ־צוצאָלן און — מיט וואָס...

דערפֿאַר דרייען מיר זיך אַרום, ווי אויף אַן עולם הטועה, האָבן מיר, ביי יעדן שריט, אַ געפֿיל פֿון פֿרעמדקייט און ליידיגקייט, גלייך ווי מיר וואָלטן זיך באַוועגט ניט מיט די אייגענע פֿיס און אונזער נשמה ווערט, וואָס אַמאָל מער אָווטאָמאַטיזירט, ווי די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע רופֿט עס...

אַזוי ווי מ׳קען אָבער ניט פֿאַרבלייבן אין אַזאַ מצב אויף אַ לענגערער צייט, פּרוּווט מען, זיך צו ראַטעווען דערפֿון, פּרוּווט מען זיך צו באַרויִקן, צו פֿאַרטויבן זיין געוויסן... און מ׳פֿאַרטויבט זיך מיט אסיפות, פֿאַרגלושעט זיך מיט מיטינגען און טראַכט אַריבערצוגיין, מיט כוח, איבער דעם ים פֿון פֿאַרגאָסענעם, יידישן בלוט — צום סדר היום...

32

דער חוש פֿון אחריות

ס׳איז קיין ספק, אַז דער מיאוסער מצב האָט עס געבראַכט אַ מאָראַלישע ירידה, אַ גייסטיקע חולשה, וואָס האָט ניט אירסגלייכן אין דער גאַנצער געשיכטע פֿונעם יידישן פֿאָלק.

מ׳דאַרף זיך נאָר צוהערן, ביי איינער פֿון אונזערע אסיפה׳לעך, ווי מיר אַליין טראַכטן זיך צו באַרויִקן, אויפֿווייזנדיק פֿון איין זייט, אַז מ׳האָט — בשום אופֿן — ניט געקאָנט טון גאָר ניט און פֿון דער אַנדערער זייט, אַז מ׳האָט אַלץ געטון, וואָס ס׳איז געווען מעגלעך...

מ׳דאַרף זיך נאָר צוהערן, ווי אפֿילו יענע, וואָס פֿילן, אַז זיי זענען מחויב צוצוקלאָגן, צו שטראָפֿן דעם עולם, ווייסן נעבעך אַליין ניט אויף וואָס פֿאַר אַ גרונט צו שטעלן די אָנקלאָגע...

מ׳זעט בחוש, ווי ביי יעדן פֿון זיי ראַנגלען זיך ניט פֿאַרענדיקטע מחשבות, שטופּן זיך ניט דורכגעפֿילטע געפֿילן, יערט און אַרבעט דאָס טונקלע באַוואוסטזיין פֿון דעם אייגענעם אחריות, פֿון דער אייגענער, גרויסער שולד...

און אָט אַדאָ, איינגעבעט טיף אין אָט דעם טונקלען באַוואוסטזיין, ליגט אַ פֿונק פֿון אונזער האָפֿענונג, דער לעצטער פֿונק...

ווייל, ווי שטומפּיק מיר זאָלן ניט זיין, ווי פֿאַרהאַרטעוועט אונזערע הערצער, ווי פֿאַרגליווערט אונזערע געפֿילן, נאָך לעבט אין אונז, באַוואוסט צי ניט באַוואוסט, דער חוש פֿון אַ ניט פֿאַרענטפֿערטן אחריות, פֿון אַ הייליקן התחיבות, דאָס געפֿיל פֿון אַ ניט באַצאָלטן חוב...

און ווי לאַנג דער חוש לעבט אין אונז, אַזוי לאַנג איז פֿאַראַן האָפֿענונג...

די יידישע נשמה, דערשלאָגן, פֿאַרטויבט און פֿאַרגליווערט, איז פֿאָרט נאָך לעבעדיק. זי לעבט און פֿילט און גאַרט, באַפֿרייט צו ווערן פֿון איר שלעכטן געוויסן, זי לעכצט נאָך השתפכות, זי בענקט נאָך דעם געבענטשטן ווייטיק פֿון מיטליידן, נאָך דעם זיסן שכר פֿון פֿאַרגאָסענע טרערן...

איז ניט שוין ענדלעך צייט, יענע בענקשאַפֿט צו שטילן?...

33

דער עיקר פון יידישן מוסר

אויב מיר וואָלטן אונז אָבער לחלוטין ניט גע׳חקר׳ענט, אויב מיר וואָלטן נאָר געווען געפּרואווט נאָכגיין, פֿון אָנהויב אָן, אַ בעסערן אינסטינקט, אַ ריינערן אימפּולס, וואָס באַוואוסט צי אומבאַוואוסט איז דאָס איינגעוואָרצלט — נאָך טויזנטער יאָר פֿון יידישער געשיכטע — אינעם יסוד פֿון אונזער יידישן מוסר, דאַן וואָלטן מיר במילא צוגעקומען צו יענעם שטייגער, וואָס אים צוליב מוז מען זיך היינט אַריינלאָזן אין טיפֿע חקירות, כדי אויפֿצוקניפּן דאָס מיאוסע געפֿלעכט, וואָס שטומפּיקע און פֿוילע הערצער האָבן צונויפֿגעקניפּט...

ווייל די אידייע פֿון יידישן מוסר, דעה יסוד, אויף וועלכן די אידייע איז אויפֿגעבויט, איז פּונקט דאָס, וואָס מיר באַדאַרפֿן היינט אַזוי נייטיק, איז דער חוש פֿאַר ממשות...

אייראָפּעאישן זין, דאָס הייסט, ער באַדאַרף זיך ניט דווקא אויסמאָלן דעם מאַ־ 2

טעריעלן בנין, וואָס וועט אַרויסקומען פֿון זיינע מעשים, דאָס מאַטעריעלע בילד 3

יידישער מוסר קען ניט קיין צילן און אידעאַלן אינעם געוויינטלעכן, 1

פֿון דער וועלט לעתיד לבוא... 4

מיר זענען אפילו גאָר ניט בכוח, זיך צו מאַכן אַזאַ בילד, ניט פֿון דער גשמיות׳דיקער צורה, ניט פֿון דעם רוחניות׳דיקן מעמד, ביים סוף פֿון די צייטן...

אויב מיר קענען אָבער ניט דאָס אויסערע, מאַטעריעלע בילד פֿונעם תכלית, ווייסן מיר דאָך זער גוט פֿון דעם וועג צו אים, פֿון דעם וועג צום תכלית און דער וועג הייסט — מוסר...

פֿון דעם אָבער, וואָס מיר קוקן ניט אויף דעם אויסערן סוף פֿון אונזער שטרעבן, אויף דער מאַטעריעלער ריכטונג, איז ווייטער געדרונגען, אַז אונזער תכלית אין לעבן איז טאַקע אַ תכלית אין זיך אַליין, אַז דער וועג איז דער תכלית, אַז יעדער שריט אויף דעם וועג איז און דאַרף זיין תכלית און — אַז מאַכנדיק די ריכטיקע שריט, וועלן מיר אָנקומען דאָרט, וואו מיר דאַרפֿן אָנצוקומען, כאָטש מיר ווייסן ניט פֿאָראויס, ווי דאָס „דאָרט" איז ערגעץ... „ריכטיקע שריט" אָבער זענען יענע,

וואָס דער מאָראַלישער חיוב פֿונעם אויגנבליק פֿאַרלאַנגט פֿון אונז...

דאָס איז דער עיקר פֿון יידישן מוסר און אין דעם מוז מען גלויבן. יידישער מוסר פֿאַרלאַנגט בטחון, פֿאָדערט אמונה, אָבער דאַן ווערט ער, צוזאַמען מיט אַט די צוויי כוחות, דער אמת'ער, קאָנצענטרירטעסטער, רעאַלסטער רעאַליזם, ווייל ער קען נאָר היינט, נאָר איצט, נאָר דעם איצטיקן וועג, און אויף דעם וועג נאָר דעם נעכסטן שריט...

34

דער ערשטער שריט

אַזוי ווי מענטשלעכע שוואַכקייט שרייט אָבער אַלץ נאָך תכלית און קען ניט קיין אמונה און קיין בטחון, אַזוי ווי פֿאַרלאַנגנדיק תכלית פֿאַרשטייט מען דערביי גשמיות, אַזוי ווי דער המון ווייל זען דאָס בילד, ווייל אָנקוקן דעם אָפּגאָט, ווייל אים אָנטאַפּן מיט זיינע גראָבע הענט, אַזוי ווי אייביק שרייט ער נאָך דעם עגל, זענען אויך פֿון דעם יידישן מוסר געוויזן געוואָרן בילדער פֿון מאָראַלישע פֿאַנטאַזיעס, פּאָעטישע משלים פֿון דעם ציל און ווי אַהינצו דער וועג ציט זיך...

אָבער דער אַקצענט, דער טראָפּ, ליגט ביי יידישן מוסר, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, ניט אויף דעם ציל, נאָר אויף דעם וועג בכלל...

ער ווייסט צוואַר פֿון אַ שכר ביים סוף פֿון וועג, אָבער דינען זאָל מען ניט צוליב דעם שכר — לא על מנת לקבל פרס — און אונטער דער מורא פֿונעם הימל, דאָס הייסט, אונטער דעם דיקטאַט פֿון אַ מאָראַלישן חיוב!... לויט יידישן מוסר זענען מיר געווען מחויב תיכף ומיד צו רעאַגירן אויף אַן עטישן אופֿן, זיך מאָראַליש אָפּצורופֿן, אַן אַ באַקלער, וואָס וועט אַרויסקומען דערפֿון, און אין דעם שטעקט טאַקע זיין רעאַליזם, זיין ממשות, כאָטש ס'מעג אַפּילו אויסזען ווי אַ סתירה...

אָבער דאָס איז קיין סתירה!

ווייל יעדער אַנדערע אַזוי אָנגערופֿענער „תכלית" פֿירט אַוועק פֿונעם היינט, מאַכט, אַז מיר זאָלן זיך אָפּווענדן פֿון דעם „איצט" און „אַדאָ", ווייט, אַוועק, אַהינצו, צום ציל... אונזער תכלית באַשטייט אין דעם פֿולן אויסשעפּן פֿון דער מינוט, באַטייט דאָס זאָפּאַרטיקע און פֿולע באַצאָלן פֿון די חובות, פֿונעם חיוב פֿונעם אויגנבליק!...

און כאָטש ס'איז שוין זער שפּעט און מיר וועלן ניט מער זיין ביכולת צו באַצאָלן אונזער חוב צו דער גרעסטער צאָל פֿון אונזערע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער, כאָטש ס'איז ליידער שוין צו שפּעט, בלייבט פֿאָרט ניט קיין אַנדערער וועג, ווי:

דער וועג פון יידישן מוסר, דאָס הייסט פון ממשות, דאָס הייסט פון זאַפּאַרטיקן מאָראַלישן זיך־אָפּרופן אויף דעם געשעעניש פון דער גזירה, דאָס הייסט און מוז הייסן, ס'בלייבט קיין אַנדערער וועג, ווי נאָר אויסצורופן ווי אַם שנעלסטן דאָס אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע אבילות פונעם גאַנצן יידישן פאָלק!—

35

פרומע טעארעטיקער

רעדנדיק פון יידישן מוסר, וואַרפט זיך אויף — כמעט פון אַליין — די פראַגע, ווי אַזוי ס'איז געווען מעגלעך, אַז אויך פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע, מצד די פרומע, מצד פון יענע, וואָס שטייען אויף דעם באָדן פון יידישן מוסר, דעם מוסר פון ממשות, אַז אויך פון זיי איז ניט געקומען קיין שום הילף, קיין טרייסט פאַר די אומגליקלעכע און קיין שום הוראה פאַר דעם בלאָנדזשענדיקן פאָלק, ווי זיך נוהג צו זיין אין אַזאַ אומגעווייניטלעכער, שרעקלעכער צייט...

אויב מענטשן זענען אפיקורסים, אָדער, לכל הפחות, האַלטן זיי די אידייע פון דת, פון אמונה און פון יידישן מוסר ניט פאַר דעם עיקר, אויב מענטשן דינען צו דער אידייע פון אַ פאַרטיי און זענען פאַרשריבן און פאַרשוואוירן צו אַ טעאָריע, קען מען פאַרשטיין, אַז זיי זענען ניט אַזוי ענג פאַרבונדן מיט דעם ממשות פון דער וועלט, מיט דעם, וואָס מיר, בעלי אמונה, פאַרשטייען אונטער דעם אמת'ן ממשות...

אָבער יענע, וואָס באַקענען זיך יאָ צום יידישן מוסר, באַקענען זיך יאָ צו דער אידייע פון מאָראַלישער אַקטיוויטעט אַדאַ און היינט, באַקענען זיך יאָ צו דעם מאָראַלישן חיוב פון זיך אָפּרופן אויף אומגערעכטיגקייט, פאַרברעך און אומגליק תיכף ומיד, יענע וואָס וואָלטן געקענט זיין די אמת'ע, די גרעסטע, די רעאַלסטע רעאַל־פּאָליטיקער, ווייל זיי ווייסן פון דער ממשלה פון דעם מאָראַלישן כוח פון דעם רעאַלן בורא עולם און זייער חיוב איז, צו באַקלערן און אַריינצונעמען אין זייער חשבון אַט די רעאַליטעט, פאַר וואָס האָבן זיי געשוויגן?...

זיי האָבן דאָך יאָ געדאַרפט צו ווויסן, און בעסער ווי יעדע אַנדערע גרופּע פון אונזער פאָלק, אַז נאָך דעם שווערן, דעם טויטלעכן קלאַפּ, וואָס מען האָט אונז דערלאַנגט, איז געווען אַ חיוב, וואָס גיכער אָדער טאַקע תיכף צו רעאַגירן, ווי נאָך אַ בייזן חלום דוקא בו ביום, אויב מען וויל, אַז דער גזר זאָל צעריסן ווערן...

דער ענטפער דערויף איז, אַז זיי אויך זענען ליידער געווען אָנגעכאַפּט פון דער אַלגעמיינער קרענק, זיי אויך זענען — משום אַנדערע סבות —

געוועז אָפּגעריסן פֿונעם ממשות פֿון דער וועלט. אָדער ריכטיקער געזאָגט, זייער פֿאַרבונדנקייט מיט דער וועלט איז געוועזן נאָר בדרך למוד, נאָר במחשבה. זיי זענען געוועזן פֿאַרבונדן מיט דער פּראַקסיס, אָבער נאָר אויף אַ טעאָרעטישן אופֿן... זיי האָבן טעאָרעטיזירט איבער דער פּראַקסיס, אָבער זיי האָבן ניט געלעבט — די פּראַקסיס...

ס'איז דאָ ניט דער אָרט, אויף צו אונטערזוכן דעם גאַנצן פּראָצעס, וואָס האָט געפֿירט צו דעם היינטיקן מצב. אַזוי פֿיל איז זיכער — און דאָס געבן אונזערע פֿרומע אַליין צו — אַז ניט זייער דאַוונען און ניט זייער לערנען און ניט זייער פֿרום־זיין האָט געהאַט אַ השפּעה אויף דעם גורל פֿונעם יידישן פֿאָלק, לכל הפּחות ניט אויף אַזוי ווייט, צו זיין בכוח איבערצורייסן די גזירה...

און היינט אפילו, אחר המעשה, הערט און זעט מען זיי ניט, דערהויבן זיי ניט זייער קול צו דעם וואַרטנדיקן פֿאָלק, צו דעם שטומען, געדולדיקן, וואַרטנדיקן פֿאָלק...

אַזוי ווי מיר ווייסן אָבער פֿון רבה בר בר חנה, אַז די נשמה פֿון אַ צדיק איז געוואויגן אַנטקעגן דער גאַנצער וועלט, מוז מען בכלל אָננעמען, אַז ס'איז געוועזן אונטער זיי אפשר אַ סך פֿרומע, זער פֿרומע אפילו, אָבער ניט קיין צדיקים, ניט קיין מענער, צו טון די ריכטיקע מעשים אין דער רעכטער צייט...

36

די לעבעדיקע גמרא

פֿאַרקערט. מיט דעם אופֿן פֿון זייער לערנען האָבן זיי גאָר דערוויי־טערט זיך און זייערע חסידים און תלמידים פֿון דער היינטיקער וועלט, ווייל זיי האָבן ניט אַריינגענומען, ניט באַוואוסט אַריינגעצויגן אויך דאָס ממשות פֿון דער היינטיקער וועלט און זייער לערנען אַריין, בפרט אָבער ווייל זיי האָבן זיך ניט געגעבן פֿאַרטיפֿט, זענען ניט אַריינגעדרונגען אין דעם ממשות פֿון גאָט'ס משפּט איבער דער וועלט פֿון היינט...

דעם שרעקלעכן פּסק קען מען אָבער ניט פֿאַרשטיין, ניט פֿילן, ניט באַ־גרייפֿן בדרך למוד. מען מוז אים האָבן איבערגעלעבט, נעמנדיק אַ טייל אין דעם גאַנג פֿון אונזער וועלט...

זיי אָבער האָבן לכתחילה ניט געהאַט דעם מוט, זיך אַריינצווואַרפֿן אין דעם ים פֿון דער וועלט, דער וועלט מיט אירע ליידנשאַפֿטן, תאוות, טעות'ן און עבירות און צו באַווייזן, אַז מיט דעם כוח פֿון גלויבן, מיט דער שווערד פֿון אמונה און מיט דעם שילד פֿון תשובה, קען מען זיי גובר זיין...

זיי האָבן ניט געהאַט — מיט איין וואָרט — דעם מוט צו זיך אַליין, צו

זייער אייגנטלעכן באַרוף, צו זיין אַ „משל־פֿאָלק“, ווי ד״ר נתן בירנבוים ז״ל, האָט עס אַמאָל באַצייכנט...

זיי האָבן ניט געשטרעבט צו דעם העכערן מצב פֿון דעם בעל תשובה און זיי זענען, מיט דער צייט, אַראָפּגעפֿאַלן — ניט צו דעם מצב פֿון צדיק, דאָס וואָלט נאָך געווען נישקשה, ניין, זיי זענען פֿאַרזונקען געוואָרן אין דעם זומפּ פֿון פֿרום־זיין, דאָס מיינט, פֿון נאָר פֿרום־זיין...

זיי האָבן זיך קיינמאָל ניט דערוועגט, ניט אונטערגענומען צו לערנען תורה אויך פֿון דער היינטיקער געשיכטע, פֿון דעם לעבעדיקן ספר פֿונעם רבונו של עולם, ניט אויפֿגעשלאָגן יענע גמרא, וואָס ווערט געשריבן היינט, אויף אַ גאַנץ פֿרישן פֿאַרמעט, מיט אותיות, נאָך פֿייבטע פֿונעם דרוק, מיט תוספות, וואָס ווערן צוגעגעבן יעדן טאָג, יעדע שעה, יעדע רגע...

זיי האָבן נאָר געוואוסט פֿון דער הייליגקייט פֿון די אַלטע ספרים און ניט פֿון דער הייליגקייט און דעם חשיבות אויך פֿון די נייע, בפרט פֿון יענעם לעצטן ספר, וואָס איז אָט ערשט אַרויסגעקומען, דעם ספר „היינט“...

37

זינדיקע פרומקייט

פֿרומקייט אָן מוט, אָן קוראַזש, פֿרומקייט אָן פֿאַנטאַזיע, פֿרומקייט צוליב טעאָריע איז גאָר אַ גרויסע סכנה. און זי קאָן אַמאָל אפילו זיין אַן עבירה, אַ גרויסע עבירה... יאָ, זי איז געווען יענע שרעקלעכע עבירה, וואָס האָט גורם געווען דאָס גרעסטע אומגליק אין אונזער געשיכטע פֿאַר היטלערן, דעם חורבן בית שני.

מיר ווייסן, אַז דער חורבן בית שני איז געקומען, באַטש די דעמאָלדיקע יידן זענען זער אַ סך עוסק געווען אין תורה און אין מצוות און אין גמילת חסדים...

געוויינטלעך לערנט מען, אַז געקומען איז דער חורבן וועגן שנאת חנם און מען פֿירט אָן די מעשה פֿון קמצא מיט בר קמצא... אָבער דאָס איז נאָר געווען דער לעצטער שטויס צום חורבן פֿונעם יידישן לעבנסבנין, דאָס איז געווען דער היסטאָרישער עפּיזאָד און ניט די טיפֿערע, היסטאָרישע סבה...

די טיפֿערע סבה איז געווען, וואָס רב זכריה בן אבקילוס האָט מורא געהאַט פֿאַר אַן עבירה... און אפשר אפילו ניט אַזוי פֿאַר דער עבירה אַליין, נאָר אַז דער עולם זאָל זיך ניט אָפּלערנען דערפֿון אַ פֿאַלשע ראיה, חלילה... בקיצור, ער האָט מורא געהאַט צו טון די מעשה, וואָס די שעה האָט פֿון אים געפֿאָדערט און אונזערע חכמים האָבן — מיט אַ פּסיכאָלאָגישן חריפות, וואָס האָט ניט זיין גלייכן — דאָס דערקענט און בפירוש אַרויסגעזאָגט און — פֿאַר׳משפט...

ס'איז ווערט צו דערמאָנען די מעשה.

דער פֿרומער און דער עניו און דער סבלון, רב זכריה בן אבקילוס האָט זיך ניט געקאָנט אַנטשליסן, מקריב צו זיין אויפֿן מזבח אַ קעלבל מיט אַ מום, וואָס דער קיסר האָט אים צוגעשיקט, יענער קיסר, ביי וועלכן בר קמצא האָט פֿאַר'מסר'ט די יידן, אַז זיי זענען מורד אינעם מלכות... דערמיט אָבער וואָלט ער געוויזן באַוויזן, אַז די מסירה איז ניט אמת און וואָלט געראַטעוועט פֿונעם חורבן...

ער האָט אָבער אויך ניט געוואָלט הרג'ענען בר קמצא'ן דעם מסר, וואָס יענער אַליין האָט טאַקע גורם געווען דעם מום, כדי זיך נוקם צו זיין, אויף דעם אופן, אין קמצא'ן זיין שונא, אין די רבנים און אין דעם גאַנצן יידישן פֿאָלק...

אויף דעם זאָגט רבי יוחנן:

„ענותנותו של רבי זכריה בן אבקילוס החריבה את בתינו ושרפה את היכלנו והגלנו מארצנו...

צו דעם מאַכט דער נפש יהודה:

„ענותנותו — סבלנותו שסבל את זה ולא הרגו"...

און אין דעם עברי טייטש פֿון דעם נר ה', פרק ו', כלל ג', חלק ב', פֿון דער „מנורה" הייסט עס בפירוש (און ווערט דאָ איבערגע'חזר'ט מיט דעם אָרי־גינאַלן אַלטפֿרענקישן אויסלייג):

„זאָגט רבי יוחנן דאָש פֿרומקייט און דאָש נידריקייט פֿון רב זכריה בן אבקלוס דאָש ער האָט ניט געוואָלט מקריב זיין און האָט ניט געוואָלט דעם בר קמצא הרגנן דאָש האָט חרוב געמאַכט אונזרן בית המקדש און האָט פֿאַר ברענט אונזר היכל און האָט אונז פֿאַר טריבן פֿון אונזר לאַנד".

יאָ, די טיפֿערע סבה איז געווען אַ פֿאַלשע, אוממעכטיקע פּאַסיוויטעט, אַן אומפּאַסיק סבלנות אין אַ צייט פֿון סכנות נפשות, איז געווען פֿרומקייט צוליב טעאָריע, פֿרומקייט איינגעוואָרצלט אין לערנען, נאָר אין לערנען און נאָר צוליב לערנען און ניט אין לעבן, ניט לויט דער הלכה פֿון לעבן, פֿון דעם רעש'דיקן און רווישנדיקן, מיאוס'ן שמוציקן, שלעכטן, זינדיקן לעבן — אָבער פֿאַרט, פֿונעם לעבן, פֿון אונזער לעבן...

אמת, מ'קען ניט דורכגיין דורך זיין שטראָם און זיך ניט שמוציק מאַכן דערביי, אַרויסקומען דערפֿון ריין און אָפּגעהיט, מראה כוהן, צי ווי אין אַ שיינעם שבת נאָכן דאַווגען, ווען מ'גייט אַרויס פֿון שוהל... אָבער אַזוי איז עס, אַזוי איז דאָס לעבן, דער אמת'ער, געגעבענער תנאי! און דער וועג צו גאָט פֿירט דורך דורך אָט דעם שמוציקן שטראָם, דורך אָט דעם פרוזדור און — ס'איז דער איינציקער וועג! —

38

די זכיה פון פרומקייט

די פרומע האבן איבערגעשלאפן דאס ממשות פון דער וועלט, און אים אינגאנצן פארגעסן. זיי האבן די דינים זייערע געלערנט, ווייזט אויס, טאקע נאר לשם שמים, ס'האָרט זיי ניט, צי ווערן זיי אויך געהאלטן אדא, אויף דער וועלט...

זיי אליין אפילו האלטן די דינים אויך ניט איין...

ווייל פון יעדן קיצור שולחן ערוך וואלט מען זיך דאך געקענט ארויס־נעמען כללים און דינים און מנהגים געגוג, וועגן יסורי־רבים און וועגן יסורי־יחיד, זיך אפלערנען, ווי אונזערע חכמים זענען זיך נוהג געווען אין דעם ענין פון אבילות, אין צייטן פון גרויסע גזירות, בשעת א שווערן חורבן...

דער שולחן ערוך מיט זיינע דינים און מנהגים און כללים איז אבער דוקא געמאכט געווארן ניט צוליב לערנען, נאר פאר אלעמען, צוליב האלטן, צוליב דער וועלט, צוליב דעם לעבן אין דער וועלט...

מ'מיז אפילו מסופק ווערן אין דער גאנצער פרומקייט פון אונזערע פרומע, אייב מ'איז ניט גרייט, צו באצייכענען מיט דעם ווארט פרומקייט דאס ביסל דאווענען און דעם יאטקע־קלאץ...

ווייל א סך מער איז טאקע ניט פאראן דארט...

מ'מיז מסופק ווערן, ווייל זיי זענען דאך עובר אויף צענדליקער דינים פון שולחן ערוך, אויף אלע יענע דינים, וואס באטרעפן אן עת צרה, א גזירה — די דיני אבילות.

היינט אבער זענען זיי דער עיקר, ניט דאווענען. היינט איז צו ווייניק דאס דאווענען און אפילו ווייניק דאווענען איז כמעט צו פיל...

באמת, ס'איז פאראנען טעג, וואס אין זיי פילט מען ממש, אז פרום זיין היינט, היינט געניסן דעם תענוג פון מצוות־טון, אז היינט לעבן אויפן אמת'ן יידישן שטייגער, וואס איז געווארן אויסגעארבעט און צוגעפאסט צום יידישן פאלקס־כאראקטער דורך הונדערטער, דורך טויזנטער יארן און וואס ער איז א טובה פאר אונז, אז אלץ דאס, אז אלע די גייסטיקע וואויל־טיקן און פארגעניגענס זענען כמעט ווי א שפאט קעגן אונזערע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער, וואס פאר זיי האט זיך דאס אלץ אויפגעהערט, פאר זיי, וואס לעבן דארט ערגער פון די פאר'משפט'ע אין דעם „גיהנם" פון דאנטע...

ווייל מצוות זענען א פריווילעגיע, זענען א זכיה.

דורך מצוות לעבט מען, דורך מצוות „ירבו ימיכם", וועט איר פארמערן די טעג פון אייער לעבן...

דאָרט אָבער, אין דעם שווארצן ים פון יאוש, דאָרט בליט ניט קיין לעבן, איז ניטאָ קיין האָפענונג, דאָרט הייסן אַלע זיינע ברעגעס — טויט!...

39

כלו חייב

צו טון מצוות, צו זיין א ייד, צו לעבן אויפן יידישן שטייגער, איז ניט קיין טובה, וואָס מיר טוען דעם רבונו של עולם, דאָס איז אַ טובה, וואָס מ'האָט אונז געטון. דאָס איז אַ העכערע מדרגה, וואָס מ'מוז זי זיך קודם פאַרדינען, וואָס מ'דערגייכט צו איר ערשט, אויב מ'איז דורכגעגאַנגען די נידריקערע מדרגה פון צו זיין אַ מענטש, די מדרגה פון דרך־ארץ...

רבי שמואל בר נחמוני'ס אַ מימרא איז, אַז דרך ארץ איז געגעבן געוואָרן מיט זעקס־און־צוואַנציק דורות פריער פון דער תורה. דרך ארץ איז דער תנאי, איז די באַדינגונג, איז דער מקדים, וואָס קומט פאַרן תורה לערנען... מ'מוז קודם זיין אַ מענטש, האָבן די חושים און דעם שכל פון אַ נאָר־מאַלן מענטש, איידער מ'נעמט זיך אונטער, צו וועלן זיין אַ ייד...

אויב אָבער אונזערע מענטשלעכע געפילן, אויב אונזערע נאַטירלעכע, אַנימאַלישע אינסטינקטן, אויב אונזער טבע איז אויך אַזוי ווייט פאַרשטומפּיקט און פאַרדאָרבן, אַז אפילו נאָך אַזאַ'ן אומגליק האָבן זיי ניט רעאַגירט, זענען זיי ניט געוואָרן אויפגערעגט און אויפגערודערט, איז ניט געוואָרן אויפגע־טרייסלט דער סאַמע יסוד פון אונזער עקזיסטענץ, דאַן איז באמת ניט צו זען, מיט וואָס מ'גייט זיך פרואוון מקים זיין די העכערע מדרגה פון יידישקייט און פרומקייט... דאַן מוז מען שוין זיין צופרידן, זער צופרידן, אויב מ'איז בכלל בכוח מקים צו זיין די איינפאַכערע געבאָטן פון דרך ארץ, פון מענטש־זיין און אַז מ'זאָל ניט אַראָפּפאַלן צו דער דריטער און נידריקערער מדרגה פון אַ פּראָסטער חיה...

פון דעם מוזן מיר אָבער אויך אַרויסנעמען, אַז היינט האָט זיך אויפ־געהערט דער יחוס פון פרומקייט. האָבנדיק אָנגעוואוירן, גלייך מיט אַלע אַנדערע, זייער אינסטינקט, דעם ריין מענטשלעכן, נאַטירלעכן דרך ארץ, האָבן די פרומע אויך אָנגעוואוירן זייער פּריווילעגיע, זייער רעכט אויף צו זיין פרום און אויב זיי פירן זיך ווייטער מיט אויסערלעכער, מכלומרשטער פרומקייט, איז דאָס נאָר אַ טרוקענע, פאָרמאַלע זאַך, אַ זאַך פון געוויינונג און דורך דעם אפשר שענדלעכער, ווי די הנהגה פונעם נאַאיוון עם הארץ...

היינט איז צעבראָכן געוואָרן די מחיצה פון פרומע יידן און ניט פרומע יידן, איצט פירן מיר אַלע דעם גלייכן ייד אין אונזער פּאַס, איצט, לסוף, איז כל ישראל, זענען מיר אַלע פאַבונדן דורך דעם גלייכן גורל, שטאַרבן מיר אַלע

ווילנדיק צי ניט ווילנדיק, פרום צי ניט פרום, על קידוש השם, פאר אונזער אלטן יידישן גאט און אויף דעם אלטן יידישן אופן, פאראייניקט אונז אלע דער טרויעריקער אבער פעסטער באנד פון — כלו חייב...

40

א פרומע עבירה

יא, ס'האט זיך אויפגעהערט מיט די פרומע מיוחסים. פארקערט. גראד אין דעם וויכטיקסטן יידישן ענין פון אונזער צייט, אין דעם ענין פון אבילות, זענען אפילו די פרומע יידן פארשעמט געווארן פון אנדערע יידן...

און ס'איז דוקא געווען א סאציאליסטישער ייד און ניט קיין פרומער, ס'איז געווען דער קדוש זיגלבוים, וואס האט מיט זיין טאט געראטעוועט כאטש א שטיקל פון דעם כבוד פונעם יידישן פאלק, געראטעוועט כאטש א ביסל דאס פנים פון אונז יידן אין די פרייע מדינות...

יא, מיט זיין טאט האט ער זיך געבראכט פאר א קרבן פאר זיין פאלק, אן עולה תמימה, א ריינעם, ערלעכן קרבן, כאטש ער האט געהאט דעם מוט צו באגיין די עבירה פון מעביר עצמו לדעת...

און אויב א טייל פרומע זענען חושד, ווי מ'הערט, אז דער טויט פון זיגלבוים'ן האט געהאט א שלעכטע השפעה און האט גאר גורם געווען נייע דייטשע רציחות, איז דאס טאקע ניט מער ווי א פאלשער חשד, ניט מער ווי בייז מסירות און נעמט זיך דערפון, וואס זיי זענען אים מקנא אויף דעם מוט צו זיין עבירה... טאקע נאר אויף זיגלבוים'ס טויט האבן די דייטשע מערדערס געווארט...

און דער פרומער פירוש, אז ס'איז היינט שווערער צו לעבן, איז זער, זער ביליק... אפשר, זיכער אפילו, איז שווערער צו בלייבן לעבן, דארט אין היטלערס גיהנם...

אבער דא, בין איך זיכער, אז מיט אלע וווייטיקן און מיט אלע צרות, איז פארט לייכטער צו עסן א שטיקל פיש, ביים שלש־סעודות איידער — אוועקצוגעבן זיין לעבן...

און מיר מעגן בטוח זיין, אז זיין פרייוויליקער טויט וועט ווערן אנגענומען פאר דעם, וואס ער איז און תוך געווען, פאר א פרואוו צו העלפן, פאר א טאט פון גרויסער ליבשאפט און גרויסן צער און אין דער מורא פאר ווייטערדיקע „עינויים קשים", וואס דאס איז אויסדריקלעך מכפר...

מ'מעג בטוח זיין, אז זיין טויט, אז זיין טאט, ביז איצט די איינציקע פאזיטיווע טאט פון יידן אין די פרייע מדינות אין דעם ענין פון אבילות, וועט ווערן אנגענומען אלס א צווייטע עקידה, אלס די טאט פון אן אמת'ן, טייערן ייד, אן איינציקל פון אברהם אבינו, א ייד, וואס האט מקים

געוועז ביידע מצוות, די פון אברהם אבינו און פון יצחק אבינו אין איין פארשוין...

פארשטייט זיך, די ארטאדאקסן האבן זיך ניט צעפירט די הענט מיט זיין פטירה. די סאציאליסטן האבן אים רעקלאמירט פאר זיך און פאר דער „מענטשהייט".

און איך האב שטארק מורא, אז אויב זיגלבוים ז"ל וואלט געווען גע־שטארבן אלס פראסטער ייד, על קידוש השם, אזוי ווי מיר יידן זענען געוואוינט און ראפן צו שטארבן און ניט פארברעמט מיט מליצות פון „מענטשהייט" וכדומה, וואלט מען אים אפשר גאר קיין הספד ניט געמאכט...

ניט די לינקע, ווייל וועגן וואס?

און די פרומע אויך ניט, משום פאלש אויסגעלעגטע דינים פונעם שולחן ערוך...

און ווייטער איז עס דוקא געווען א סאציאליסטישער ייד, ס'איז געווען דער שרייבנדיקער בעל מלאכה, מר. ל. בעלקין, וואס האט אין אן איינפאכן, אבער טיף געפילטן קול קורא אנגעוויזן די נויטווענדיקייט פון אן אלגעמיינעם יידישן אבילות, וואס זאל באשטימען די דרכים פון אונזער הייניטיקן און פון אונזער שפעטערדיקן לעבן.—

41

כשרע קאנסערוון

קיין שום זאך האט אבער ניט באוויזן בולט'ער, אויף ווי ווייט ס'איז קאליע געווארן דאס נאטירלעכע געפיל אויך ביי אונזערע פרומע, ווי פאלש זייערע חושים רעאגירן אויף די יסורים פון כלל־ישראל, ווי ווייט זיי זענען פון רעם, וואס פשוטער דרך־ארץ וואלט געהייסן, ווי יענער קול קורא, וואס איז דא אנומעלט ארויסגעקומען און וואס ער האט אונז אויפגערופן צוצוגרייטן „כשרע קאנסערוון" פאר די יידן און אייראפע... דהיינו, אויב מיר וועלן נאר אריינמארשירן קיין אייראפע, זאלן מיר זיי טאקע תיכף באגליקן מיט כשר פלייש, מיטן יאטקע קלאץ... קיין אנדערע דאגות איז שוין ניט מער געוועז, ניט פאר זיי, ניט פאר אונז...

אויב איך וואלט אפילו צוגעשריבן א חלק פון דער אומפאסיגקייט צו דעם איידלען באדערפעניש, צו וועלן עפעס אויפטון און ניט צו וויסן וואס, צו וועלן העלפן און ניט צו וויסן, ווי אזוי און באטש איך רעד מיר איין, אז איך פארשטיי אפצושאצן דעם ווערט פון אלע תרי"ג מצוות, פונדעסטוועגן איז דאס, לכל הפחות פאר מיין אינסטינקט, געווען נאר ווי א שפאט צו די אומ־גליקלעכע און א חרפה פאר אונז אליין...

ווייל ווען, אויב ניט איצט, דאַרף מען באַקלערן, אַז מצוות זענען ניט קיין פֿאַרגליווערט סיסטעם, נאָר אַ לעבעדיקע, באַוועגלעכע זאַך... ווען, אויב ניט איצט, איז די צייט פֿאַר אונזערע מורי־הוראות צו ווייזן נייע דרכים, צו געפֿינען נייע הלכות... ווען, אויב ניט איצט, מוז מען באַקלערן, אַז אין געוויסע צייטן קען ווערן פֿון מצוות עבירות און פֿון עבירות מצוות... ווען, אויב ניט איצט, מוז מען באַקלערן מצוות פֿון יענעם סאָרט, וואָס זיי באַטרעפֿן פקוח־נפש, (כאָטש אין די מייסטע פֿאַלן וואָלט אפילו ספק פקוח־נפש אויך געקלעקט), ווען, אויב ניט איצט, דאַרף מען זיך דערמאָנען, אַז ס'קאָן אַמאָל פֿאָרקומען, אַז ס'איז ניט נאָר קיין עבירה, נאָר אַ חיוב און ניט נאָר אַ חיוב נאָר אפילו אַ גרויסע מצווה צו באַגיין די גרעסטע עבירה, די עבירה פֿון מחלל־שבת זיין אפילו...

ווען אויב ניט איצט, דאַרף מען אָנהויבן וויניקער מורא האָבן פֿאַר אַן עבירה און זיך בעסער מער פֿאַרטן פֿאַר גאָט!

דאָס אַלץ ווערט דאָ, פֿאַרשטייט זיך, ניט אָנגעפֿירט צוליב דעם פרט פֿון די כשרע קאָנסערוון, נאָר בכדי אויפֿצווייזן בכלל, אַז לגבי אַזאַ קאַטאַסטראָפֿע, לגבי אַזאַ גזירה פֿון גאָט מוז מען מעסטן מיט אַן אַנדערער מאָס, אויב מען וויל איינהאַלטן אַ ריכטיקע פּראָפּאָרציע צום לעבן...

דאָ ווערט נאָר געוויזן, אַז אין געוויסע צייטן קענען מצוות, קען דער געוויינטלעכער דרך פֿון לעבן בטל ווערן און אַז אַזאַ אויפֿפֿאַסונג איז דעם יידישן דת לחלוטין ניט פֿרעמד...

אויב אונזערע פֿרומע וועלן דאָס אָבער ניט וועלן פֿאַרשטיין, אויב זיי וועלן זיך ווייטער האַלטן, פֿאַרקרעמפּעוועט אין אַ ניט פֿרוכטבאַרער פֿרומקייט, וועט מען זיי אפשר מוזן דערמאָנען, אַז מיר קענען נאָך אַן אַנדערן באַגריף, דעם באַגריף פֿון דעם חסיד שוטה, דעם נאַרישן בעל־מאמין...

42

אַ בלוטיקער וויץ

ס'ווערט דערציילט, אַז איידער ירושלים איז איינגענומען געוואָרן, איז דאָרט געווען זער אַ גרויסער הונגער. און דער הונגער איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז יידישע מאַמעס האָבן גענומען זייערע קינדער, האָבן געקאָכט זייער פֿלייש און האָבן נעבעך דערפֿון געגעסן און — געגעבן צו אַנדערע, זיי זאָלן אויך דערפֿון עסן... אָט פֿאַר דעם האָט מען יענע פֿרויען אפילו אָנגערופֿן מיט דעם נאָמען „דערבאַרעמדיגע ווייבער", ווי ס'שרייבט זיך אַזוי האַרציק אין אונזער טייערן, אַלטפֿרענקישן יידיש... מען האָט זיי אנגערע־

בענט זייער רחמנות, זייער שרעקלעך רחמנות, פֿאַר אַ מדה און אין דעם זכות איז אפילו ירושלים ניט אַזוי האַרב געשטראָפֿט געוואָרן, ווי סדום...

שוידערלעכע, גרוילעכע, גראָטעסקע גערעכטיגקייט! אַ גערעכטע וואָג נאָך בשעת דעם חורבן, בשעת טויט און אונטערגאַנג!...

מיר אָבער ווייזט זיך אויס, אַז אויב אונזערע היינטיקע פֿרומע וואָלטן דעמאָלט געווען זיין דערביי, וואָלטן זיי זיך מפלפל געווען איבער דעם, ווי לאַנג מ׳דאַרף זאַלצן, רחמנא לצלן...

מען מוז מוחל זיין דעם בלוטיקן וויץ!

אָבער ווי קאָן מען ניט פֿאַרשטיין, אַז אַ דור, וואָס איז ראוי אויף אַ חורבן, ווי מיר דערלעבן אים היינט, קען ניט זיין, אין איין צייט, ראוי אויף דעם וואוילטיק פֿון די תרי״ג מצוות.

ווי קאָן מען ניט פֿאַרשטיין, אַז אויב אַ פֿאָלק איז געוואָרן חיב מיתה (כמובן דאָס גאַנצע פֿאָלק, כאָטשע ס׳איז אונז לעת עתה געלונגען זיך אויסקצו׳גנב׳ענען פֿונעם פסק), און דערצו נאָך אַ סאָרט מיתות, וואָס זייערע נעמען ווערן אפילו ניט דערמאָנט אין דער תורה, ווי קאָן מען ניט פֿאַרשטיין, אַז פֿאַר אַ שולדיגקייט, וואָס האָט גורם געווען אַזאַ גזר־דין, מוזן דאָך בטל בששים ווערן די קלענערע און אפילו די מייסטע גרעסערע מצוות, ווי שנייעלעך פֿאַר אַ גרויסן פייער!

דאָס ניט צו פֿאַרשטיין, איז אַ סימן פֿון פֿאַרשטומפיקטע חושים, פֿון אַ פֿאַרשוועכטן שכל, פֿון אַ מיאוסער דעקאַדענץ אויך ביי דעם פֿרומען טייל פֿון אונזער פֿאָלק.

אַט די אומבאַהאָלפֿנקייט פֿון יידן, וואָס וואָלטן ראוי געווען צו זיין די אמת׳ע מנהיגים פֿונעם יידישן פֿאָלק, בפרט אין צייטן ווען דאָס קול פֿון גאָט רעדט מיט אַזאַ דייטלעכן לשון, אָט די אומפאַסיקע פֿרומקייט, בעת די הערצער זענען פֿאַרשטומפיקט און פֿאַרגליווערט, דאָס האָט אפשר אויך גורם געווען וואָרעם יידיש בלוט, לכל הפחות ניט פֿאַרהיט, ס׳זאָל ווערן פֿאַרשיט...

43

דער חיוב פון „שטראפן"...

יאָ, ס׳האָט אפשר גורם געווען יידיש בלוט, וואָס מ׳האָט די פֿרומקייט און דאָס וויסן פֿון גאָט און זיינע דרכים ניט באַנוצט פֿאַר וויכטיקערע ענינים; ניט באַנוצט, אויפֿצוּוועקן דאָס געוויסן, דאָס געפֿיל און דעם שכל פֿונעם יידישן פֿאָלק, אים צו מאַכן באַוואוסט די סבות און דעם תכלית פֿון דעם פסק פֿון גאָט, אָנצוצינדן אין אים אַ פֿייער

פֿון תשובה און רחמים און — לויט אונזערע אַלטע, הייליקע כּללים — צו שטראָפֿן דאָס פֿאָלק, עס אויפֿצוקלערן און אָנצופֿילן מיט אַ געפֿיל פֿון אחריות פֿאַר דעם, וואָס געשעט פֿאַר זיינע שטומפּיקע בליקן...

אָט אין דעם חיוב פֿון דערוועקן, אויפֿטרייסלען, באַוואוסט מאַכן די לאַגע ליגט די אייגנטלעכע אויפֿגאַבע פֿון די פֿרומע און צדיקים און תלמידי־חכמים אין אונזערע טעג. אָבער דאָס איז אין איין צייט דער חיוב פֿון יעדן יחיד...

ווי ווייניק ס'איז ביי גאָט געאַכט די פֿרומקייט פֿון די פֿרומע, אויב זיי זענען ניט מקיים דאָס געבאָט פֿון דער שעה, ווערט דערציילט אין דער געוואַלדיקער, אויפֿטרייסלנדיקער מעשה פֿון דעם ויכוח צווישן גאָט און דעם מדת־הדין, און ווי גאָט דינגט זיך מיט אים און איז זיך מתווכח וועגן די פֿרומע, זיינע פֿרומע, כּדי זיי צו ראַטעווען און — ווי דער מדת־הדין איז מנצח... און דאָס איז די מעשה...

האָט דער מדת־הדין געזאָגט פֿאַר גאָט:

„רבונו של עולם, פֿאַרוואָס זענען פֿאַרענדערט די דאָזיקע (די צדיקים) פֿון די דאָזיקע (די רשעים)?".

האָט גאָט געזאָגט:

„די דאָזיקע זענען רעכטע צדיקים, דערפֿאַר דאַרפֿן זיי בלייבן לעבן און די דאָזיקע זענען רעכטע רשעים, דערפֿאַר דאַרפֿן זיי אומקומען"...

האָט דער מדת־הדין געזאָגט:

„די צדיקים וואָלטן דאָך געדאַרפֿט שטראָפֿן די רשעים און זיי האָבן זיי ניט געשטראָפֿט".

האָט גאָט געזאָגט צום מדת־הדין:

„דאָס איז אַנטפּלעקט און געוואוסט פֿאַר מיר, אַז ווען זיי וואָלטן זיי אפילו געשטראָפֿט, וואָלטן יענע ניט אָנגענומען זייער שטראָף"...

האָט ווידער דער מדת־הדין געזאָגט:

„רבונו של עולם, דו ווייסט עס טאַקע — אָבער זיי האָבן עס דאָך ניט געוואוסט, אַז מ'וועט פֿון זיי ניט מקבל זיין די שטראָף, דרום וואָלטן זיי דאָך יאָ געדאַרפֿט צו שטראָפֿן..."

האָט גאָט געגעבן רשות, מען זאָל די פֿרומע לייט אויך אומברענגען...

און אַלע זענען זיי אומגעבראַכט געוואָרן, אַלע! ציוניסטן, אַגודיסטן, מזרחיסטן, סאָציאַליסטן, אַלע אָן שום אויסנאַם...

אונזערע היינטיקע פֿרומע און תלמידי־חכמים אָבער, וואָס זיי זענען זער גרויסע תלמידי־חכמים און אויף יעדן נים קענען זיי אייך זאָגן הונדערט פּשט'לעך, זיי פֿאַרשטייען ניט, זיך אָפּצולערנען פֿון יענע גמרא'ס, וואָס פּאַסן צו דעם איצטיקן מאָמענט.

און במקום ממלא צו זיין דעם גרויסן חיוב, האָט מען זיך באַגענוגענט מיט קליינע, עגאָאיסטישע מצווה'לעך, צי אפילו מיט גרויסע מצוות, בעת

ס'האָט זיך אפשר געגוויטיקט אַ טאַט, אַ מוטיקע טאַט און אפשר אפילו אַ מוטיקע עבירה, ווי פֿאַרן חורבן בית שני...

יאָ, מ'קען עסן כשר און האָבן אַ פֿאַרשטאַפּט האַרץ, מ'קען גיין יעדן טאָג אין שוהל אַריין און ניט וויסן, וואו גאָט וואוינט...

מ'קען זיין פֿרום, זער פֿרום אפילו, טאַקע נאָר גאָט און ציצית, און דערביי גורם זיין אַ חורבן...

44

די מאַסע פֿון יחידים

ס'וואָלט געווען פֿאַלש אָנצונעמען, אַז ווייל דאָ איז גערעדט געוואָרן פֿונעם אחריות פֿון יידישע פּאַרטייען, גרופּעס, אינסטיטוציעס און צייטונגען, פֿונעם אחריות פֿון יידישע מנהיגים און אַזוי אָנגערופֿענע מנהיגים, אַז דערפֿאַר איז מען דעם פֿאָלק, דער מאַסע פֿונעם פֿאָלק מוחל זיין אחריות.

דאָס איז, לויטן גאַנצן שטייגער פֿון יידישקייט, פֿונעם יידישן כאַראַקטער און פֿון יידישן מוסר לחלוטין אוממעגלעך.

געוויס ווערט דעם מנהיג, ווייל זיין מעמד איז אַ מער געהויבענער, זיין השפּעה אַ ברייטערע, צוגעטיילט אַ גרעסער אחריות. און אַזוי ווי אין אונזער צייט איז די מאָדע פֿון פּאַרטייען זער שטאַרק, אַזוי ווי גרופּעס וואַקסן אויף איבער נאַכט, ווי קראָפּעווע, און ווער ס'וויל ניט עפֿנט זיך אויף אַ צענטער, צי אַ קלוב, צי אַ געזעלשאַפֿט און ווערט, דאָס הייסט, ער מאַכט זיך טאַקע תיכף אַליין פֿאַר אַ פּרעזידענט, ווערט גאָר אַ גאַנצער פֿירער, אַ קליינער היטלער, איז אָט דאָס אחריות פֿון די מנהיגים אַלגעמיינער און די זינד פֿון ניט פֿאַרענטפֿערן זיין אחריות אַ סך מער פֿאַרשפּרייט...

אגב אורחא, איז אָט די דערשיינונג פֿון דעם מין אַטאָמיסטישע חברותות, זער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ פֿאָלק, וואָס פֿאַרמאָגט ניט מער קיין צענטראַלע אידייע, פֿאַר אַ נאַציאָנאַלע שיף אָן רודערס, אָן אַ באַרעכטיקטן פֿירשפּרעכער פֿון זיינע באַדערפֿענישן...

דאָס אַלץ הייסט אָבער ניט, אַז דאָס פֿאָלק איז פֿריי פֿון אחריות.

ווייל, קודם כל, וואָלט דאָס פֿאָלק געקאָנט פֿאַרלאַנגען, אויב זיין חוש הרגש וואָלט נאָר געווען שטאַרק גענוג, אויב ס'וואָלט נאָר דערפֿילט, אַז זיינע מנהיגים טוען ניט זייער חיוב אין דעם ענין, וואָס איז היינט פֿאַר זיי דער וויכטיקסטער, אין דעם ענין פֿון דער גזירה, אַז — זיי זאָלן יאָ טון זייער חיוב...

און איר מעגט זיין זיכער, אַז אויב דאָס פֿאָלק וואָלט אמת'דיק פֿאַרלאַנגט — און דאָס צו טון איז גראָד זיין אחריות — וואָלטן זיך די מנהיגים

געאײלט צו געבן, ווייל ווען ניט, האָט דאָס פֿאָלק אַ ברירה... אויך ניט צו געבן...

צווייטנס — און דאָס איז אפילו וויכטיקער — איז אונזער פֿאָלק ניט קיין מאַסע בלינדע שאָף, וואָס זיי גייען נאָך זייער פּאַסטוך, שטומפּיק און ניט פֿרעגנדיק, ווי אַהין מ׳פֿירט זיי...

מיר יידן זענען ניט קיין שטומפּיקער קאָלעקטיוו, מיר זענען ניט קיין איינ־צלנע מאַסע, מיר זענען — אַ מאַסע פֿון איינצלנע!

מיר זענען יחידים, אינדיווידוען, יעדער איינער מיט זיין אייגענעם, פּער־זענלעכן גורל, זיין אייגענעם וועג, זיין חיוב און זיין אחריות...

יעדער איינער אָבער אויך מיט דער מעגלעכקייט, צו דערגרייכן דעם העכסטן מצב אין די געמאַרקן פֿון זיין אומה!—

45

דאָס אחריות פֿונעם יחיד

יידישער מוסר לעגט אַרויף אויף׳ן יחיד אַ גרויס, דאָס גרעסטע אחריות, וואָס מ׳קען זיך בכלל משער זיין.

יעדער יחיד, הייסט עס, דאַרף זיך פֿאָרשטעלן אין זיין מחשבה, אַז גוט און שלעכט, אַז זיינע מצוות און עבירות, זיינע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע מעשים זענען ביי אים פֿאַרטיילט גאַנץ גלייך און אַז מיט איין גוטער מעשה קען ער מאַכן איבערוועגן די וואָג צום פּאָזיטיוון און — אומגעקערט...

ער מוז זיך אָבער, אין איין צייט, משער זיין, אַז די גאַנצע וועלט פֿירט זיך לויט דעם גלייכן פּרינציפּ, אַזוי אַז אין אַ ווייטערן ראָס, מאַכט ער מיט זיינע מעשים אַ רושם אויף דעם גורל פֿון דער גאַנצער וועלט.

אַ געוואַלדיקע השערה, אַן אומגעהייערע אידייע, ווירדיק פֿאַר דעם הויכן מצב פֿון דער עטישער אַנטוויקלונג פֿון אונזער פֿאָלק, דעם מאָראַלישן זשעני אונטער די פֿעלקער...

פֿון דער השערה, פֿאַרבונדן מיט דעם פֿיזיקאַלישן פּרינציפּ פֿון ענערגיע און דעם פֿילאָזאָפֿישן פּרינציפּ פֿון קוויזאַליטעט (פֿון דעם אייביקן משפּיע־זיין פֿון יעדער איינצעלנער סבה דורך אַלע צייטן) פֿון אַזאַ מין אויפֿפֿאַסונג, ווי יעדער יחיד ווערט געאַכט אַזוי הויך, אַז מ׳טיילט אים אַזש צו דאָס אחריות פֿאַר דעם גלייכגעוויכט, פֿאַר דער האַרמאָניע פֿון גאָר דער וועלט, איז אָבער ווייטער געדרונגען, אַז מיר, די מאַסע פֿון יחידים, טיילן מיר זיך אַלע מיט אונזער אחריות...

מיר יידן, מיר כל ישראל, זענען ניט נאָר חברים, מיר האָבן איבערגענומען — און דאָס איז אפילו אַ סך וויכטיקער און איז אַ סימן פֿון דער געוואַלדיקער, שטאַרקער, אייביקער, נאַציאָנאַלער פֿאַרבונדנקייט פֿונעם יידישן פֿאָלק, פֿון

אַלע ייִדן אָן אויסנאַם — מיר האָבן אויך איבערגענומען, יעדער איינער דאָס ערבות פֿאַרן אַנדערן. מיר גאַראַנטירן מיט אַלעמען, וואָס מיר פֿאַרמאָגן, אפילו מיט אונזער אייגענעם לעבן, יעדער איינער פֿאַר יעדן איינעם פֿון אַלע ייִדן, מיר זענען — כל ישראל ערבים זה בזה!...

46

א מיאוס שותפות

דעריבער ווייל ס'לעבט אין אונז, איינגעבאַקן טיף אין אונזער בלוט, אָט די אויפֿפֿאַסונג פֿון ייִדישן מוסר איבער דעם חיוב פֿון יעדן יחיד פֿונעם ייִדישן פֿאָלק פֿאַר אַלעמען, וואָס געשעעט אין די גרענעצן פֿון זיין אומה, האָבן מיר טאַקע באַלד, פֿון דער ערשטער מינוט אָן, דערפֿילט אונזער התחיבות לגבי אונזערע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער...

מיר האָבן נאָר ניט געהאַט דאָס קלאָרע געפֿיל, אין וואָס אונזער חיוב באַשטייט, ניט געוואוסט ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין. און שטייענדיק, כמעט יעדער פֿון אונז אין פּאַרטייען, איינגעשפּאַנט אין די לייצן פֿון אַ פּראָגראַמע, האָבן מיר זיך געווענדט צו די פּאַרטייען, זיי זאָלן אונז געבן די אויפֿקלערונג איבער אונזער הייליקן, נאַציאָנאַלן חיוב...

ס'איז דאָ שוין געזאָגט געוואָרן, אַז די פּאַרטייען האָבן אונז דעם ענטפֿער ניט געגעבן; אַז זיי זענען גאָר ניט געווען ביכולת אים צו געבן און — אַז אפשר איז דאָס גאָר ניט זייער אויפֿגאַבע...

אָבער דערמיט, וואָס ניט באַקומענדיק קיין ענטפֿער, זענען מיר גאַנץ אַנטשוויגן געוואָרן און האָבן ניט ווייטער געפֿרעגט, דערמיט וואָס מיר זענען זיך בכלל מיאש געווען אין דער מעגלעכקייט צו העלפֿן און דערפֿאַר האָבן מיר אונז טאַקע קיינמאָל ניט אויפֿגעכאַפּט צו אַן ערנסטן פּרואוו אפילו, דער־מיט האָבן מיר באַגאַנגען אַ גרויסע עוולה...

ווייל אויב אפילו מיר וואָלטן — מיט רעכט — מסופק געווען אין דער פּעולה פֿון אונזער מי, צי גאָר בכלל אין דער מעגלעכקייט זיך צו באַמיען, איז פֿאָרט געבליבן דער מאָראַלישער חיוב פֿונעם פּרואוו, לכל הפחות פֿונעם פּרואוו ערנסטלעך צו פּרואוון...

מיט אָט דעם פּאַסיוון פֿאַרהאַלטן זענען מיר אָבער געוואָרן גרויסע בעלי חובות, ריכטיקע באַנקראָטירערס. דאָס לעצטע אָבער, וואָס מ'קען זיך נאָך דערוואַרטן פֿון אַן ערלעכן בעל חוב, פֿון אַן אַנשטענדיקן באַנקראָטירער איז, ער זאָל כאָטש מודה זיין די שולד...

דערפֿאַר מוזן מיר זיך מודה ומתודה זיין, אַז מיט אונזער ניט־פּרואוון אפילו האָבן מיר עובר געווען אַ גרויסע עבירה, האָבן מיר אַרויפֿגעלאָדן אויף אונז אַ שווערן חטא. מיר טראָגן אויף אונז דעם חטא פֿון אַ פֿאַרזוימטן

אחריות, אַ הייליקן אחריות לגבי אונזערע דער׳הרג׳געטע, גע׳רצח׳נטע און געשענדעטע ברידער און שוועסטער און קעגן די נאָך לעבעדיקע, אין סכנות נפשות...

מיט דעם פֿאַרזוימטן אחריות, בפרט אָבער מיט אונזער ווייטערדיקן, שווייגנדיקן, פּאַסיוון זיך צוזען צו דער שחיטה מאַכן מיר זיך — מיט יעדן טאָג מער — צו שותפים אין דעם פֿאַרברעך.

אין דעם זין פֿון אונזער ערבות זענען מיר מיטשולדיק, קודם כל, ווייל פֿאַר אַ טייל פֿון דער שולד, וואָס זי האָט גורם געווען די גזירה, האָבן מיר דאָס גלייכע אחריות ווי אונזערע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער. דאַן אָבער, ווייל מיר האָבן, שוין בשעת דער גזירה, אונז ניט דערהויבן צו יענער מדרגה, אויף וועלכער מיר וואָלטן אפשר געווען בכוח צו העלפֿן און צו דער־לייכטערן זייער גורל...

47

אבילות און שולד

אָט דאָס באַוואוסטזיין פֿון אונזער שולד, סיי פֿון דער אַלגעמיינער שולד, סיי פֿון אונזער באַזונדערער מיטשולד, אַרויסגערופֿן דורך דעם געפֿיל פֿון אונזער פֿאַרזוימטן אחריות, איז געווען און איז ביז היינט שטאַרק פֿאַרשפּרייט אונטער דעם יידישן עולם...

דאָס באַוואוסטזיין אייסערט זיך אויף פֿאַרשידענע אופנים, באַווייזט זיך אין פֿאַרשטעלטע פֿאָרמעס, ווייל די דעה דערפֿון, כאָטש זי איז פֿאַראַנען, איז ניט קלאָר אויף אַזוי ווייט, אַז אירע איינצעלנע רמזים זאָלן זיך צונויפֿ־שליסן צו אָט דעם שרעקלעכן, אָבער זיכערלעך גרויסן און ווירדיקן געדאַנק פֿון אונזער אייגענער שולד, יענער שולד, וואָס האָט אונז צוגעפֿירט צו דער געפֿערלעכער נאָענט פֿון „חיב־מיתה״...

די דעה, כאָטש זי איז פֿאַראַנען, איז לעת עתה און עד היום, געווען פֿאַרהאַמעוועט און איז געוואָרן צוריקגעדרענגט דורך די פֿאַרשידענסטע סבות און שיטות, וואָס זיי זענען דאָ פֿונאַנדערגעזאָגט געוואָרן. די געפֿילן, כאָטש זיי זענען פֿאַראַנען, זענען נאָך ניט געווען שטאַרק גענוג, זיי זאָלן אונז הייסן אויפֿהויבן אונזערע הענט און זיי צוקערעווען קעגן אונזער האַרץ, זיי זאָלן גורם זיין, אַז אונזערע ליפּן זאָלן ענדלעך זאָגן דעם גרויסן „על חטא״...

קען דען זיין אַ ספק, אַז אויב די יידן אין פּוילן און אין רוסלאַנד און בכלל אויף דעם אייראָפּעישן קאָנטינענט, זענען ראוי געוואָרן צו דער גזירה און נאָך צו אַזאַ אכזריות׳דיקן אופן פֿון שטראָף — זענען מיר עס ניט על אחת כמה וכמה?...

קען דען זיין א ספק, אז מיר געפינען זיך אין דער גלייכער מאראלישער לאגע ווי זיי און אפשר אפילו אין א גרעסערער סכנה, באטש די סכנה איז נאך ניט דערקענט געווארן?

קען דען זיין א ספק, אז דער מדת־הדין וועט — פריער צי שפעטער — זיך מוזן ציען קעגן אונז אליין, קעגן דעם אנדערן חלק פונעם יידישן פאלק און אז די שווערד איז געווענדט קעגן אונזערע אייגענע, שולדיקע הערצער?...

קען דען אימיצער אפילו אויף א רגע טראכטן, אז מיר זענען — עד היום — ניצול געווארן, ווייל מיר זענען אפשר פיינערע מענטשן, בעסערע יידן און דערפאר ווייניקער ראוי צו דעם שרעקלעכן פסק, ווי אונזערע אומגליק־לעכע ברידער און שוועסטער?...

און איז ניט ענדלעך צייט, צו דערקענען זיין חיוב און בפרט צו דער־קענען די סכנה און דאס שייכות, וואס באשטייט צווישן אונזער הנהגה און דעם וואקסן פון אט דער סכנה?

און איז ניט איצט ענדלעך צייט, פארצונעמען דעם גרויסן חשבון הנפש, די גרויסע רעוויזיע אין אונזער לעבן, אויב שוין ניט משום ליבשאפט און רחמים פאר דער גאנצער יידישער פאלקס־משפחה, לכל הפחות צוליב אונז אליין, אין דער מורא פאר דעם אייגענעם, נאקעטן לעבן, פאר דער ארויס־געצויגענער שווערד פון דעם מלאך הדומה?

ווייל, אויב מיר קענען אפילו נאך ניט זען די געוואלדיקע, סטראשנדיקע שווערד, קענען מיר פארט שוין דערקענען די ריזיקע, טונקלע שאטנס, וואס זי ווארפט און וואס זיי גרייכן כמעט ביז פאר אונזערע פיס...

48

א התראה

ווי ס'האט דא אנומעלט געוויייעט א ווינטל פון נצחון, האבן יידן גע־מיינט, אז מ'מעג שוין זיין אפטימיסטיש... נאך א פאר וואכן, א פאר קנאפע חדשים, ביז צום סוף פונעם יאר (1943) און — ס'וועט זיין אחר המעשה...

מיר וועלן האבן איבערגעשלאפן די מלחמה און די גזירה, ניט האבנדיק גערירט א פינגער אפילו און איבערלאזנדיק דעם גורל פונעם יידישן פאלק אויף גאט'ס באראט...

דער עולם בענקט נאך דעם „אחר המעשה", כדי ענדלעך פטור צו ווערן פון דעם מבוזה'דיקן צושטאנד, זיך ניט אפצורופן אויף דעם נאציאנאלן אומ־גליק, ניט צו ענטפערן אויף דעם רוף פון גאט...

מ'וויל שטיין פאר „נייע פאקטן", מ'איז אפילו שוין עוסק אין „נאך דער מלחמה"־פראבלעמעס און מ'רעדט זיך איין, אז דערמיט וועט מען פטר'ן דעם אלטן חוב...

מיר וועלן אים אָבער ניט פּטר׳ן!...

די וואונד קען פון זיך אַליין ניט ווערן געהיילט, דאָס אחריות אונזערס אין דעם ענין קען ניט ווערן פאַרגעסן און — וועט אונז ניט ווערן געשענקט!...

גאָט וועט ניט לאָזן אומקומען 4 מיליאָן יידן און אויף אַזאַ אכזריות׳דיקן אופן דערצו און דאָס זאָל ניט האָבן געמאַכט קיין טיפערן רושם אויף דעם יידישן פאָלק.

דאָס איז דאָך פּראָסטע, רעליגיעזע לאָגיקע!...

איך בין, אין דעם ענין, קיינמאָל ניט געווען קיין אָפּטימיסט און כאָטש איך גלייב סוף כל סוף אין דעם נצחון פון די אַליאירטע, בין איך ווייטער ניט אָפּטימיסטיש...

און זאָגנדיק דעם אמת, האָב איך עס געקאָנט גוט פאַרשטיין און האָב דערפון אפילו הנאה געהאַט, ווען איך האָב דאָ אַנומעלט געלייענט אין אַ גרויסער ענגלישער צייטונג דעם אַרטיקל פון אַן ענגלישן גלח, אין וועלכן ער פירט אויס, אַז מיר, דאָס מיינט ענגלאַנד, האָבן אונז נאָך ניט „פאַרדינט דעם נצחון" אין אַ מאָראַלישן זין, כמובן... ווייזט אויס, יענער ווייסט אויך עפּעס פון ניט באַצאָלטע חובות...

טרעפט דאָס גלייכע אָבער ניט צו אויף אונז יידן, ווי לאַנג מיר האָבן ניט אויפצוווייזן אַ זכר דערפון, אַז מיר האָבן פאַרשטאַנען, וואָס גאָט און די געשיכטע פאַרלאַנגען פון אונז מיט דעם שרעקלעכן אָנצוהערעניש פון דער גזירה און — אַז מיר זענען גרייט אָנצוהויבן...

איך מוז אָבער מורא האָבן ניט נאָר דערפאַר, וואָס מיר האָבן ניט מקיים געווען — לגבי דער גזירה — אונזערן חיוב פון אבילות, אונזער פליכט פון הילף, וואָס דאָס איז געווען פאַר אונז יידן אין די פרייע מדינות דער באַטייט פונעם נסיון, איך מוז פשוט מורא האָבן פאַר דעם עפּעס, וואָס וועט מוזן זיין ערגער פון דער איצטיקער גזירה, אויב מיר וועלן ניט מקיים זיין — אין דער לעצטער מינוט — אונזערע חיובים לגבי אונזערע ברידער און שוועסטער...

און אפשר איז שוין צייט איינצוזען, אַז דאָס מאָל שפּילט זיך גאָט ניט מיט אונז — ער שעכט!...

ביי מיר איז דאָס אַ „כל שכן", וואָס מ׳קען אים ניט גענוג איבער׳חזר׳ן, אַז אויב דאָס יידישע פאָלק אויף דעם קאָנטינענט איז ראוי געוואָרן צו דער גזירה, זענען מיר עס על אחת כמה וכמה...

מיר האָבן איצט אפשר די לעצטע געלעגנהייט, צו ווייזן, אַז מיר האָבן אונז דערמאָנט און האָבן דערקענט אונזערן חיוב. מיר קענען איצט אפשר אַליץ נאָך ראַטעווען כאָטש דאָס פּנים פונעם פאָלק, ווייל אַ סך מער צו ראַטעווען איז ליידער ניט געבליבן...

אויב מיר וועלן ניט באַנוצן אָט דעם לעצטן זמן תיכף ומיד, **איז פֿאַר מיר** בולט, אַז מיר גייען אַנטקעגן גרויסע, זער גרויסע סכנות...
אויף איינער פֿון די סכנות וויל איך דאָ אָנווייזן...

49

היטלער׳ס בעסט כלי־זין

מיר מוזן ענדלעך דערקענען, אַז ס׳באַשטייט אַ שייכות צווישן אונזער שולד, אונזער מבוזה׳דיקער פּאַסיוויטעט, אונזער אומבאַגרייפֿלעכער שתיקה און דעם וואַקסן און גרעסער ווערן פֿון די ש אַ ט נ ס פֿ ו ן אַ נ י י ע ר ס כ נ ה, וואָס סטראַשעט אונז אַליין, אונז יידן אין די פֿרייע מדינות...

ווייל די פּאַסיוויטעט אונזערע מיינט ניט נאָר, אַז מיר האָבן גאָר ניט געטון, ניט נאָר, אַז ס׳איז גאָר ניט געשען... אמת, מיר האָבן גאָר ניט געטון. **אָבער** דורך דעם ניט־טוען אונזערן איז פֿאַרט עפּעס געשען, עפּעס וויכטיקס, עפּעס געפֿערלעכס, עפּעס זער אומאַנגענעמס...

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז די ידיעות און באַריכטן איבער די רציחות אין פּוילן זענען געוואָרן אָפּגעדרוקט (אויב מ׳האָט זיי בכלל **אָפּגעדרוקט**) אָן אַ שום פּירוש מצד די רעדאַקציעס, סיי יידישע, סיי ניט יידישע. **און דעם** פּירוש האָט מען ניט געגעבן, ווייל מ׳האָט אים ניט געקענט געבן. **ווייל** דער א י י נ צ י ק ע ר פּירוש וואָלט געווען די מאָראַלישע רעאַקציע פֿון דער וועלט, פֿון יידן און ניט־יידן און דער באַשלוס, תיכף אָפּצוענטפֿערן...

אַזוי ווי דאָס איז אָבער ניט געשען, האָט זיך אויסגעאַרבעט **און איז פֿאַר־** שטאַרקט געוואָרן אַן אומבאַשטימט געפֿיל, אויך ביי די ניט־פֿאַשיסטישע, ביי די דעמאָקראַטישע שטאַטן, אַז דאָס, אַז הרג׳ענען יידן איז גאָר אַן **אַנדערער** ענין; אַז דאָס איז ניט קיין זאַך פֿון אינטערווענציעס, ניט קיין **געגנשטאַנד** פֿון התראות און רעפּרעסאַליעס...

דאָס האָט מען, פֿאַרשטייט זיך, ניט אַרויסגעזאָגט בפּירוש, **און נאַטירלעך** ניט עפֿנטלעך, ווייל דערמיט וואָלט מען דאָך מסכים געווען — **לכל הפחות** ביז צו אַ געוויסער מאָס — מיט די דייטשע מערדערס; דערמיט **וואָלט** מען מודה געווען אַ געוויסן שותפות אין דעם פֿאַרברעך קעגן די **מיליאָנען** דער׳הרג׳עטע...

דערפֿאַר איז דאָס געווען ווי אַ מין שטילער, ניט אויסגערעדטער **אָפּמאַך**, **אַ gentlemen agreement, אַז דער ייד איז הפקר...**

און אַזוי פֿירט עס זיך טאַקע שוין צייט אַ סך חדשים, מ׳קען זאָגן, **כמעט** די גאַנצע צייט, פֿונעם אָנהויב אָן פֿון דער סיסטעמאַטישער שחיטה...

אַז אין דעם שטעקט אַ גרויסע, אַ געוואַלדיקע סכנה, סיי פֿאַר דעם שארית הפּליטה ביי היטלערן, סיי פֿאַר אונז יידן אין די פֿרייע מדינות, סיי פֿאַר

דעם מאָראַלישן כאַראַקטער פֿון דער גאַנצער וועלט — דאָס איז בולט.

און ס׳איז פֿאַר מיר כמעט זיכער, אַז היטלער, מיט זיין אינסטינקט פֿאַר אומרעכט, פֿאַר אוממאָראַל, פֿילט ער, אַז דערמיט, מיט דעם ווייטערן הרג׳ענען יידן אונטער די אויגן, אונטער דעם „פּאַסיוון זיך צוזען" פֿון די פֿרייע שטאַטן, מאַכט ער זיי צו שותפים אין זיין פֿאַרברעך, מאַכט ער זיי פֿאַר פֿאַרברעכער־קאָמפּליצן און אַז דערמיט גראָבט ער אונטער זייער מאָראַל, וואָס איז געווען אַזאַ וויכטיק און שטאַרק כלי זין אין זייערע הענט, בשעת די געפֿערלעכסטע פּעריאָדעס פֿון דער מלחמה.—

דערמיט איז ער גורם, שטיל און פּאַמעלעך און אויף אַ פּאַסיוון אופֿן, אַז זיי זאָלן ווערן אָנגעפּרעסן פֿון דעם וואָרעם פֿון מיטשולד, פֿון דעם טונקלען געפֿיל פֿון אַן אומרעכט, אַן אוממאָראַלישן פֿאַרהאַלטן, וואָס באַשטייט אין דערליידן, אין דערלאָזן אַ פֿאַרברעך. און אָט דאָס טונקלע געפֿיל פֿאַר׳סמ׳ט זייערע באַציאונגען צו אונז יידן און ליגט ווי אַ שווערער שאָטן איבער די אַלי־אירטע שטאַטן, מיט אַלע זייערע כוחות, זייער אמונה, זייער עשירות און זייערע נצחונות...

דאָס מאַכן זייערע שונאים צו שותפים אין זיין פֿאַרברעך, אָט דאָס איז היטלערס געהיימע, אפשר אים אַליין ניט קלאָר באַוואוסטע, אָבער אינסטינקטיווע מעטאָדע, דאָס איז איינס פֿון זיינע בעסטע כלי זין.

דאָ ליגט אָבער אויך די מעגלעכקייט פֿון אַ בריק, פֿון שפּעטערע פּשרות מיט דעם מערדערפֿאָלק, אַ בריק, געבויט פֿון די קערפּערס פֿון פֿיר מיליאָן דערמאָרדעטע יידן...

50

נייע סכנות

איך האָב זיכער ניט בדעה מגזם צו זיין די סכנה פֿון אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז היינט לחלוטין ניט נייטיק. דאָס איז אַן אָפֿענער סוד, אַ געגנשטאַנד פֿון עפֿנטלעכע דיסקוסיעס.

וואָס די עפֿנטלעכקייט וויל אָבער ניט זען, איז דאָס שייכות, אין וועלכן ס׳ווערט דאָ גערעדט וועגן אַנטיסעמיטיזם, דאָס אויפֿווייזן פֿון אונזער אייגענעם אחריות אין אָט דער אַנטוויקלונג. וואָס מיר ווילן ניט זען, איז די פֿאַרבונדנקייט פֿון אונזערע מעשים (דאָס הייסט, פֿון אונזער ניט־טון־קיין מעשים, פֿון אונזער פּאַסיוויטעט) מיט דעם גורל פֿון אונזער פֿאָלק, מיט די נייע סכנות, וואָס גרייטן זיך צו און וואָס לסוף קערן זיי זיך קעגן אונז אַליין, קעגן אונזער אייגן שולדיק האַרץ...

אַלץ שפּילט זיך אָפּ אין אַ מורא׳דיקער אַנאַלאָגיע, אַ שרעקלעכער גזירה שוה צו דעם, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אייראָפּע, ביז אַראָפּ צו דעם

לייכטזין, מיט וועלכן מ׳פּאַרטרייסט זיך, אַז „דאָ קאָן אַזעלכעס ניט געשען״...

ס׳איז מער ווי כאַראַקטעריסטיש, ס׳איז כמעט ווי אַ התראה, אַז די טעג ערשט איז אַרויסגעקומען אַן אַנטי־אַנטיסעמיטישער פּאַמפּלעט מיט דעם טיטל: ...“It shall not happen here”.

אַז אַ פּאַמפּלעט מיט אַזאַ טיטל — lucus a non lucendo — זאָל בכלל דאַרפן דערשיינען אין ענגלאַנד, אין דעם פינפטן יאָר פון דער מלחמה קעגן מלוכות, וואָס האָבן זיך אויפגעבויט, זענען געוואַקסן און זענען שטאַרק געוואָרן דורך אַנטיסעמיטיזם, דאָס וואָלט אונז אפשר פּאַרט געמוזט אויפוועקן...

הערנדיק אַזעלכעס, מוז מען דאָך פשוט אָנהויבן מורא האָבן פאַר דעם אייגענעם, נאַקעטן לעבן, פאַר דעם לעבן פון ווייב און קינד און דאָס ניט נאָר לויט מיין „רעליגיעזער לאָגיקע״, נאָר אפילו על פי דעם, וואָס אַטעאיסטישע אויגן זעען...

51

אַ מורא׳דיקע אַנאַלאָגיע

אפשר איז אָבער פּאַרט נייטיק, מרמז צו זיין אויף אַ פּאָר סימנים ...ווייל, אויב אפילו יעדער איינער האָט שוין געהאַט געלעגנהייט, זיך צו באַגעגענען מיט דער דערשיינונג פון אַנטיסעמיטיזם אויך אַדאָ, אין די פרייע מדינות, מוז מען דאָך זיין אַ שטיקל מבין דערויף.

און נאָר איינער פון אונז, פון די פּליטים, פון די אַנטלאָפענע אַהער, איז אין שטאַנד, אָפּצושאַצן די סימנים, וואָס טרעפן זיך אים. נאָר איינער פון אונז ווייסט, אַז דאָס זענען סימנים פון יענער קרענק, יענער פעסט, פאַר־וועלכער מיר זענען נאָך רעכטצייטיק אַנטלאָפן אַהער און — אַז די סימפּטאָמען פון דעם חלאת באַווייזן זיך אויף דעם גלייכן, פּריקרען אופן, ווי דאָרט אין יענע מדינות, וואָס זענען געוואָרן פאַר אונזער פאָלק אַ גיהנם אָדער די גרוב פונעם קבר.

יאָ, עס איז אַ פּריקרע ענלעכקייט, אַ שוידערלעכע גזירה־שוה, אַ מורא׳־דיקע אַנאַלאָגיע, מיט וועלכער ס׳גרייט זיך צו די מגפה פון אַנטיסעמיטיזם אויך אין אונזער פרייער, דעמאָקראַטישער מדינה, אין די „פאַראייניקטע שטאַטן״ און אין זיד־אַמעריקע...

לאָמיר אַ קוק טון אויף די רמזים אין ענגלאַנד...

מענטשן פון דער מאָסלי־פּאַרטיי, וואָס אין זכות פון דעמאָקראַטישע אויפפאַסונגען האָט מען זיי אַרויסגעלאָזט פריי, פאַרשפּריצן היינט זייער אַנטיסעמיטישן סם אין אַלע עקן...

אראפגעקומענע וואגאבונדן און דעגענערירטע שיכורים געוואלדעווען אקעגן די „יעווס״...

פאבריק־ארבעטער, וואס הארעווען שווער און ביטער, דערזעען אין דעם ייד — פון אנדערע ווייסן זיי ניט — דעם „סמארטן ביזנעס־מען״, וואס לעבט זיך בהרחבה, באקוועם און אין וואוילטיק...

א באשטימטער טיפ פון יידישע סוחרים אדא, זענען מיט זייער ווילדן הונגער נאך געלט, מיט זייער בלינדן באגער צו פארדינען און מיט זייער אבסאלוטער, כמעט ברוטאלער פרעמדקייט בנוגע צו אלץ, וואס איז יידיש, ניט נאר אפשטויסנדיק פאר אנדערע, נאר אפשר נאך מער פאר אונז אליין...

דער דוקא ניט אומפריינטלעכער, דורכשניטלעכער ענגלענדער מיט זיין יאוויאלן אומחן קעגן דעם ייד „...איי דאנט לייק די יעווס...״

אנטיסעמיטישע שלאגווערטער אויף די ווענט פון הייזער און — צום סוף — גאנץ אנאלאג און אויפוועקנדיק אלטע, פריקרע זכרונות, די געמיינע אויפשריפטן און באשימפונגען אין די עפנטלעכע בית הכסא׳ס — — —

דאס אלץ זענען די אויסערלעכע סימנים פון דער אינערלעכער קרענק, דאס זענען די ארטיקלען, די משונה געווערצן, פון וועלכע ס׳ווערט צונויפגעמישט דער גיהנם־טרונק פון אגרעסיוון אנטיסעמיטיזם!

52

אן עדות

אזוי ווי רעדנדיק איבער אנטיסעמיטיזם אויף אזא אופן, קען מען ווערן געהאלטן אדער פאר א פחדן אדער פאר א בעל גוזמא, איז אפשר ווערט צו דערמאנען יענעם ארטיקל פונעם *News Chronicle* וואס איז ארויסגע־קומען דעם ערשטן אפריל, 1943, און וואס ער האט אנגעמאכט גאר א גרויסן רושם. די רעדאקציע האט שפעטער דערקלערט, אז קיין שום ארטיקל האט נאך ניט געבראכט אזא סך צושריפטן ווי דער ארטיקל "Antisemitism is growing in Great Britain" פון ראלף מאק קארטהו.

איך דערמאן דעם ארטיקל בפרט משום דריי שטעלן. די ערשטע שטעלע איז, וואו ס׳ווערט דערצעלט פון א קליינעם ארט אין צפון־ענגלאנד, וואס דארט האבן — אונטער אנדערע — אויך געלעבט א פאר יידישע משפחות, עוואקואירטע. די יידישע רבי׳ס האבן זיי געווארנט — אין שוהל — זיך ניט צו זעצן אויף די בענק פון דעם עפנטלעכן פארק...

דאן דערמאנט ער א סטאטיסטק פון דער „בריטישער אינסטיטוציע פון עפנטלעכער מיינונג״ אויף דער קשיא: „וואס מיינט איר וויפל יידן זענען דא אין ענגלאנד?״

אויף דער קשיא האָבן 42% אָפּגעשאַצט אַ סך מער, און ערך פון 22% האָבן געשאַצט מער ווי אַ מיליאָן! און אַפילו אַז ס'זענען פאַראַן צוויי אוּן דריי מיליאָנען יידן, בעת אין דער אמת'ן זענען דאָ 300-400,000 יידן אין ענגלאַנד.—

דאָס אינטערעסאַנטסטע איז אָבער זיינער אַ ציטאַט פון דער וואָכנשריפט " The New Statesman and Nation " וואָס דאָרט ווערט געגעבען אַ באַריכט איבער אַ שמועס מיט אַ זעלנער פון דער אַרמיי און מיט אַ „לעקטשערער", אַ דרשן פון דער אַרמיי...

בעת דער לעקטשערער האָט געפונען אַנטיסעמיטיזם איבעראַל, האָט זיך דער זעלנער געאייסערט, אַז ער איז בפרט צו געפינען ביי די מיטל־קלאַסן און ער איז אַם שטאַרקסטן אין דער א.צ.ט.א.

וועגן זיין אייגענער מיינונג האָט ער זיך געאייסערט, אַז „דער איינצל־נער ייד איז שטענדיק פּאָפּולער, אָבער אַנטיסעמיטיזם קריכט איבער יעדן איינעם פון אונז, ווי אַ קרענק, ווי אַן עפּידעמיע..."

און אָט דאָס לעצטע, דער אויסדרוק פון זיך ניט קענען ווערן קעגן דעם איבערמעכטיקן כוח, קעגן אַ קרענק, אַן אָנשיקעניש (אַפילו ביי די פריינטלעכע ניט־יידן) אָט דאָס ווייזט אָן אויף אַ טיפערע סבה פון אַנטיסעמיטיזם, אויף דעם סוד פון דער אייביקער פּראָבלעמע, כמעט וויל זיך זאָגן, אויף איר מעטאַ־פיזישן יסוד...

53

רעווידירן די פּראָגראַמען...

טיף איינגעוואָרצלט אין דער יידישער נשמה לעבט און וועבט די השערה, אַז יעדעם אומגליק, יעדעם טרעפעניש און אָנשיקעניש האָט אַ שייכות צו דעם מאָראַלישן מצב פון דעם באַטראָפענעם און דאַרף גורם זיין ביי אים, סיי ביים יחיד, סיי ביים כלל, אַז ער זאָל איבערפּרואוון זיינע ביזאהעריקע דרכים, „רע־ווידירן די פּראָגראַמע"...

אַ יעדער פּראָסטער ייד אין מזרח־אייראָפּע, ווי לאַנג ער האָט נאָך גע־לעבט אויף אַ יידישן שטייגער און זיין נשמה האָט נאָך ניט געשטעקט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אוניפאָרמע פון אַ קאָנפעקציאָנירטער קולטור, יעדער ייד האָט געוואוסט, אַז אויב ס'טרעפט זיך אים אַזאַ מין אָנשיקעניש, אַפילו פון אַ לייכטערן סאָרט, מוז ער זיך אָפּשטעלן אויף אַ ווייל און איבערקלערן זיינע דרכים... אויב ער פאַלט למשל און צעקלאַפּט זיך אַ פּוס, אויב ער גיט זיך אַ שניט אין פינגער, אויב ער באַקומט אַ מכה וכדומה אַזעלכע זאַכן, מוז ער איבערקלערן זיינע וועגן, „מפשפש זיין במעשיו", צי וועט ער ניט געפינען, אַז ער איז געגאַנגען אַ פאַלשן וועג...

אויף דעם וועלן אייך אונזערע אַטעאיסטישע ישיבה־בחורים באַלד געבן צו פֿאַרשטיין — און דערצו מיט יענעם באַקוואַטע שמייכעלע פֿון אַ משכּיל פֿון פֿאַר פֿופֿציק יאָר, וואָס ער פֿלעגט „לערנען שיללער׳ס רויבער׳ס״, אַז דאָס איז — טע, אַבערגלויבן... אפֿילו אויב זיי האָבן אַריינגעשמעקט צו פּראָפֿעסאָר פֿרייד׳ן, וואָס דאָרט פֿאַלט דאָס אַריין אין דעם קאַפּיטל פֿון אַזוי אָנגערופֿענע „פֿעלער לייסטונגען״ און האָט דווקא אַ שטיקל שייכות מיט דער מענטשלעכער נשמה...

נאָך דעם ביסל אָבער, וואָס איז געווען מעגלעך דאָ צו דערמאָנען וועגן דער אידייע פֿון יידישן מוסר און וועגן דעם שייכות און דער אָפּהענגיגקייט אונטער זיך פֿון די מאָראַלישע כּוחות פֿון דעם עולם ומלואו, פֿאַרשטייט זיך באַלד דער מקור פֿון אַזאַ דעה...

ווער שמועסט, אַז ס׳טרעפֿן זיך אָנשיקענישן פֿון אַ גרעסערן פֿאָרמאַט, וואָס באַטרעפֿן, לאָמיר זאָגן, אַ גאַנצע קהילה, צי גאָר פֿון נאָך אַ גרעסערן, אַ וועלטהיסטאָרישן פֿאָרמאַט, איז דאָך זיכער געדרונגען, אַז די שיטות, וואָס זענען געווען די מושלים איבער אונזער לעבן, האָבן אונז אַרויפֿגעפֿירט אויף אַ פֿאַלשן גלייז...

דאָ מוז מען אפֿשר נאָך אַמאָל באַטאָנען, אַז אָט די מאָראַלישע השגה — כאָטש אין תוך אַריין אַ יידישע — איז פֿונדעסטוועגן ניט די השערה פֿון אַ קלויז־בחור, וואָס ער איז אָפּגעריסן און ווייט פֿון דער וועלט...

דאָס מיינען נאָר זיי אַזוי, אונזערע אַנטלאָפֿענע, אַמאָליקע קלויז־יונגען, ווייל זיי האָבן געהערט דערפֿון צום ערשטן מאָל אין קלויז און די „מאָדערנע בילדונג״ האָבן זיי נאָך ניט פֿאַרדייט...

מיר אָבער ווייסן, אַז יעדער גרעסערער היסטאָריקער, באַרופֿט זיך אויף „געזעצן״, אויף אַ טעם און אַ סדר אין דעם אָפּלויף פֿון דער געשיכטע.

אויב אָבער געזעצן — איז דערמיט אַליין שוין אַלצדינג פֿאַרענטפֿערט...

אויב ס׳זענען פֿאַראַן געזעצן און דינים, אויב ס׳איז פֿאַראַן אַ סדר, אַ טעם און אַ זין אין דער געשיכטע, קען דאָס נאָר זיין אַן עטישער טעם, ווייל טעם מיינט — ווערט און ווערט — איז אַ מאָראַלישע אָפּשאַצונג...

און אפֿילו דער מאַרקסיסטישער, דער היסטאָרישער מאַטעריאַליסט, וואָס מיינט, ער איז בכּוח אויסצורעכענען דעם מעכאַניזם פֿון געשיכטע און זאָגן נביאות, ער אויך גלויבט אין דער מעגלעכקייט און אין דער נייטיגקייט פֿון רעוואָלוציעס, פֿון פֿאַרענדערונגען, וואָס מ׳דאַרף דערצו אויפֿוועקן די מענטש־הייט און וואָס דאָס איז — אגב אורחא — איינע פֿון די גרויסע און ניט פֿאַרענטפֿערטע סתירות פֿון דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטס־פֿילאָזאָפֿיע, וואָס זי לייקענט אין דעם פֿרייען ווילן...

און האָבן מיר זיך טאַקע ווייניק אָנגעהערט, בשעת דער איצטיקער מלחמה, אַזעלכע אָפּשאַצונגען? האָבן מיר ווייניק געהערט פֿון די „פֿעלער״, וואָס די מלוכות האָבן באַגאַנגען? האָבן מיר ווייניק געהערט פֿון דער „מאָ־

ראַלישער ירידה" פֿון די שונאים כמובן, וואָס נאָר זייער אוממאָראַל האָט עס געבראַכט צו דעם היינטיקן, טרויעריקן מצב... (פֿון דעם „פֿעלער", וואָס מיר האָבן דערלאָזט, אַז דער שונא זאָל וואַקסן און ווערן אַזוי שטאַרק, פֿון דעם שמועסט מען היינט ניט גערן...).

רעדנדיק פֿון אַזעלכע „פֿעלער", מיינט מען דאָך ניט, אַז מען האָט „גע־פֿעלט", ווייל מ'האָט געצויגן אַ פֿאַלשן לאָטערי צעטל... דאָס קען דאָך נאָר הייסן מאָראַלישע פֿעלער, עטישע פֿאַלשקייטן, עוולות, עבירות...

און דערמיט זענען מיר טאַקע ווידער צוריק אין קלויז... און אויב איר זאָגט „מפשפש במעשיו" זיין, אָדער איר ווילט בעסער „רעווידירן די פּראָ־גראַמעס" — דאָס איז אַלץ איינס, צי די אַטעאיסטישע ישיבה־בחורים זענען מסכים דערמיט, צי ניין...

54

דער תוכן פֿון נאַציאָנאַלן אבילות

ס'איז וויכטיק צו באַטאָנען, אַז אויב דאָ איז גערעדט געוואָרן פֿון רע־ווידיר די פּראָגראַמעס, קען און דאַרף אַזאַ רעוויזיע בשום אופן ניט אָנרירן דעם פּרינציפּ, די אידעאָלאָגיע פֿון די באַשטייענדיקע יידישע פּאַרטייען און גרופּעס.

די רעוויזיע דאַרף זיך באַציען נאָר אויף דעם פֿאַרהעלטעניש פֿון דער פּאַרטיי צו דעם היינטיקן הויפּט־ענין פֿונעם יידישן פֿאָלק, דער גזירה, צו דעם הייליקן חיוב פֿון דעם גאַנצן יידישן פֿאָלק, אויסצורופֿן דאָס אַלגעמיינע, נאַציאָנאַלע אבילות, וואָס יעדע פּאַרטיי, יעדע גרופּע און בכלל יעדע יידישע אינסטיטוציע וועט זיך גערן אונטערוואַרפֿן אונטער אים.

דאָ איז ניט דער אָרט, צו שמועסן איבער דער פֿאָרמע, אין וועלכער די רעפּרעזענטאַנטן פֿון די איינצלנע פּאַרטייען וועלן זיך פֿאַראייניקן צו זייער גרויסער אויפֿגאַבע. ס'מעג אפילו זיין, אַז שוין באַשטייענדיקע, איבער־פּאַרטייליכע אינסטיטוציעס זאָלן בילדן דעם יסוד פֿון אַ קערפּערשאַפֿט, וואָס וועט האָבן די אויטאָריטעט, אַרויסצוגעבן אירע אָרדערס צום יידישן פֿאָלק.

פֿון אָט אַזאַ קערפּערשאַפֿט וועט אַרויסגיין דער רוף צו די יידן פֿון דער גאַנצער וועלט. פֿון דאָרט וועט ווערן אויפֿגעשטעלט די פֿאָן, די שוואַרצע פֿאָן פֿון אונזער טרויער! יענע רעפּרעזענטאַנץ וועט באַשטימען די אויסערליכע פֿאָרמעס פֿון אונזער אבילות און וועט משפּיע זיין אויף אונזער אינערלעכער אַנטוויקלונג, אויף אונזערע גייסטיקע באַדערפֿענישן, אויף אַלע געביטן פֿון יידישן לעבן, אויף ישיבות און תלמוד תורה'ס, אויף ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפֿט.

אונזער אבילות וועט ניט באשטיין אין דעם זיך־אפגעבן צו א ניט פאר־האמעוועטער, ווילדער טרויער, צו א ניט באצעמטן צער, אן א דנא און אן א ברעג... אבילות הייסט ביי אונז יידן ניט, זיך באדן אין טרערן אן א מאס, בלייבן איינגעטונקן אין שמארצן אן א שיעור, דאס הייסט ניט, זיך קוויקן אין די קוואלן פון אייביקן ווייטיק...

פארקערט. איינער פון די וויכטיקסטע חילוקים צווישן יידן און היידן איז געווען, וואס מיר האבן פארווארפן די אכזריות'דיקע דינים און עבודות־זרות פון היידנישער טרויער...

דאס הייסט אבער אויך ניט, זיך צו שפיגלען אין יענער פאעטישער, שמאכטנדיקער, שפילערישער, זיס־סענטימענטאלער טרויער מיט מוזיק־באַ־גלייטונג, וואס מיר קענען זי פון שעקספיר'ן...

אונזער אבילות באשטייט אין דעם באוואוסטן פארמעוועטן דאס גאנצע יידישע לעבן אונטער דעם נייעם אספעקט פון דעם שרעקלעכן געשעעניש, דער היסטארישער טראגעדיע, וואס האט געווארפן אזא געוואלדיקן שאטן אויף דעם לעבן פון אונזער פאלק, אז ס'איז כמעט ניט אפצווזען, נאך וויפל דורות מיר וועלן קענען ארויסטרעטן אויס דעם תחום פון זיין ריזיקן טונקל...

ביי אונז ווערט אבילות, ווי אלצדינג אין דער יידישער וועלט, וואס זי איז — פאר אלעמען — א וועלט פון מוסר, תיכף אריבערגעפירט אויף דעם מאראלישן פעלד, תיכף פארבונדן מיט דער אידייע פון שולד און מיט גע־דאנקען פון תשובה...

מיט דער מינוט אבער, וואס מיר וועלן האבן דערגרייכט דעם מעמד, צו דערקענען אט די שולד, צו געוואונען דאס געפיל פון שולד און פון אחריות און דערמיט דאס באוואוסטזיין פון דער סכנה, אין וועלכער מיר אליין גע־פינען אונז, מיט דער מינוט, וואס מיר וועלן באגרייפן די ענגע באציאונג פון אונזער הנהגה מיט דעם גורל פון אונזער פאלק, מיט דער מינוט הויבט זיך אן די אויפלייזונג פון אלע פראבלעמעס, דאס פארענטפערן פון אלע קשיות, הויבט זיך באמת אן די באפרייאונג פון אונזערע קראנקע, פארשטארטע, פאר־שטומפיקטע נשמות...

55

גאולה דורך אבילות

איז דאס אבער באמת אזוי שווער, ארויפצונעמען אויף זיך דעם עול פון אבילות?... צי איז עס ניט אפשר לייכטער, אין אזא עת־צרה, צו לעבן מיט דעם עול אויף די פלייצעס?

וועט אונז אזא לעבן ניט מאכן פרייער, מענטשלעך ווירדיקער? וועט

דאָס אונז ניט ברענגען צו מער אחדות מיט אונז אַליין און צו אַ טיפֿערן שייכות מיט אונזערע פֿאַרהייליקטע און ליידנדיקע ברידער און שוועסטער?

וועלן מיר נאָך בכלל זיין ביכולת צו גיין די אַלטע, פֿאַלשע דרכים, אויב מיר וועלן באמת אַריינלאָזן די כוואַליעס פֿון צער דורך די ווייט געעפֿנטע טויערן פֿון אונזערע הערצער, אויב מיר וועלן זיך ערנסטלעך אַנטשליסן צו באַטרעטן דעם וועג פֿון אבילות?

וועלן מיר ווייטער זיין ביכולת, זיך צו שפּילן אין פֿייערן און באַגריסונגען און ליכטיקע פֿעסט־באַנקעטן, בעת זיי לעגן זיך ערגעץ אַראָפּ אויף אַ וויסטן געלעגער צו אַ נייער וויסטער נאַכט, וואָס נאָך איר קומט אַ נייער, וויסטער מאָרגן, אויב מ׳איז זוכה דערצו?

וועלן מיר זיך נאָך ווייטער שפּילן אין פּאָעזיע און זיסע גראַמען, אין קונסט צוליב קונסט, בעת דאָרט איז פֿאַראַן נאָר איין גראַם, דער גראַם פֿון נויט און טויט?

וועלן מיר זיך ווייטער פֿאַרגלוסטן מיט כיבודים און חניפֿות, בעת זיי קענען נאָר איין כבוד, צו שטאַרבן על קידוש השם?

און וועלן מיר ניט געפֿינען אין אונזער ווייטיק איידלערע תענוגים, ווי אַראָפּצוואַרגן די פּאָר שפּיל׳ע פֿאַרגעניגענס, מיט אַ געפֿיל פֿון עקעל צו זיך אַליין?

וועלן מיר ניט, אינסטינקטיוו, זיך אָפּקערן פֿון די פֿרעמדע השפּעות, זיך מיישב זיין און זיך אומקערן צוריק צו די עכטע, יידישע מקורים? און וועלן די מקורים, באַלעבט פֿון אונזער נייעם ווייסן, אונז ניט באַשענקען מיט אַ נייער תחיה?

קומט, מיינע יידישע ברידער און שוועסטער, לאָזט אונז באַטרעטן דעם וועג פֿון אבילות! לאָז ווערן פֿון דעם שותּפֿות פֿון דער שולד פֿון כל ישראל אַ שותּפֿות פֿון דעם ווייטיק פֿון כל ישראל!

לאָז פֿון די בעך פֿאַרגאָסענע טרערן ווערן אַ ריזיקע זייל, אַן עמוד הדמעות, אַ זייל פֿון טרערן, אונז צו ווייזן דעם נייעם וועג, אַ וועג אַרויס פֿון דעם פֿאַרדאַרטן מדבר פֿון אַ פֿאַרשטומפּיקטער און פֿאַרטריקנטער הרגשה צו דעם פֿרוכפּערדיקן לאַנד פֿון שטאַרקע, פֿון לעבעדיקע און שפּראָצנדיקע געפֿילן, צו דעם לאַנד פֿון מעשים, פֿון גלויבן און — גאולה!

(סוף)

תוכן

דער חיוב פון אבילות

תוכן

		זייט
1.	די אומבאַגרייפלעכע שתיקה	5
2.	אויסגעוואָרצלטע נשמות	6
3.	די קליפה אַרום דעם הארצן	7
4.	ראשון — ראשון	8
5.	דער ערשטער תנאי	9
6.	דער סבה'ס סבה	10
7	צוקונפטס־מענטשן	11
8.	דאָס ממשות פון דער וועלט	13
9.	פּאַרטיי און ממשות	15
10.	„רעאַל־פּאָליטישע" טענות	16
11.	דער גריכישער עפּיזאָד	18
12.	מוסר און סטראַטעגיקע	19
13.	אַ מוטיק אַמעריקאַנער וואָרט	21
14.	די טענה וועגן פּראָפּאַגאַנדע	22
15.	דער אָנהייב פון אונזער בזיון	23
16.	דריי — און דריי מיליאָנען	24
17.	יידיש בלוט איז ביליקער	25
18.	ווייכהאַרציק אכזריות	27
19.	גזירה און מלחמה גורל	28

זייט

20. דאָס איכות פֿון דער יידישער טראַגעדיע 30

21. די באַלאַנץ פֿונעם טויט 31

22. דאָס טאָל פֿון טרערן 32

23. אונטער דעם רושם פֿון חורבן 33

24. דער „תכלית” פֿון טרויער 34

25. אַ „פּראָגראַמע” פֿון אבילות 35

26. אבילות — אַ רעאַלער פֿאַקטאָר 37

27. אַקטיוו אבילות 38

28. דער כלל פֿונעם באַוואָרעניש פֿון ענערגיע 40

29. דער כלל פֿונעם באַוואָרעניש פֿון מאָראַלישער ענערגיע 41

30. אַלט־נייע אמת׳ן 42

31. די מאָראַלישע ירידה 43

32. דער חוש פֿון אחריות 44

33. דער עיקר פֿון יידישן מוסר 45

34. דער ערשטער שריט 46

35. פֿרומע טעאָרעטיקער 47

36. די לעבעדיקע גמרא 48

37. זינדיקע פֿרומקייט 49

38. די זכיה פֿון פֿרומקייט 51

זייט

39. כלו חיב ... 52
40. די פֿרומע עבירה ... 53
41. כשר'ע קאָנסערוון ... 54
42. אַ בלוטיקער וויץ ... 55
43. דער חיוב פֿון „שטראָפֿן" ... 56
44. די מאַסע פֿון יחידים ... 58
45. דאָס אחריות פֿונעם יחיד ... 59
46. אַ מיאוס שותפֿות ... 60
47. אבילות און שולד ... 61
48. אַ התראה ... 62
49. היטלערס בעסט כלי זין ... 64
50. נייע סכנות ... 65
51. אַ מורא'דיקע אַנאַלאָגיע ... 66
52. אַן עדות ... 67
53. „רעווידירן די פּראָגראַמעס" ... 68
54. דער תוכן פֿון נאַציאָנאַלן אבילות ... 70
55. גאולה דורך אבילות ... 71

THE DUTY OF MOURNING

ESSAY

by

JACOB SAMUEL TAUBES